STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06529

MAYSELEKH

Herman Gold

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


אילוסטרירט פון
זוני מאוד און
יאסל קאטלער
פארלאג
אידיש
לעבן
ניו־יארק
יאסל קאטלער

Copyright by
VERLAG YIDDISH LEBEN
New York, N. Y., 1928

פאַרצייכעניש פון זאַכן:

זייט

דריי שוועסטער — 5
גראָבער געצל — 21
די רייזע באַשרייבונג פון די 20 גוטע קינדער — 22
די מוטער ערד — 34
אַ ליד צו מיין קעצל — 38
אַ גוטע נאַכט — 39
דער קלוגער נאַר — 40
אַ פיש אין שוך — 55
דער אינדיאַנער — 57
ליד פון זומער לעב — 78
ברויט מיט פוטער מיט זאַלץ — 79
די ערשטע נאַכט אין אַמעריקע — 80
אינגל אָן אַ האַרץ — 82
אַ קו איז געפלויגן — 85
דער ווייסער בער — 89
די פייגל פון וואַלד — 91
אַ מעשה פון אַ שלאַנג — 109
אַ ראָד אַ ראַנע — 111
דער ים רופט — 112
האַראַמידן — 113
צוויי ברידער — 115
זאַגעדודל ליד — 127
דער זומער טאָג — 128
דער שניי־מענטש — 129

זייט

די מיל — 134
דער פּאַלאַץ פון אמת — 136
אויער־האָן און קאַמער־הויז — 159
דער ווילדער הערש — 161
די שבת׳דיקע חלה — 164
דער בייזער לייזער — 172
אַ מעשה מיט אַ פיש — 181
די מעשה פון אַלטן אייביק־זומער — 201
די גאָלדענע פיש — 204
ס׳ליד פון שוסטער־אינגל — 206
הערט אַ מעשה — 207
אַ טאַנץ — 208
משה בלאָז — 211
קאַשע מיט מילך — 213
אלף־בית־גימל — 214
מיין ברודער איציק — 216
טעלערל פון הימל — 218
דער טערק פון ירושלים — 233
וואָס טוט מען מיט אַ פייגעלע — 248

דריי שוועסטער

מיידעלאך, איר מיידעלאך!
הערט אויף אייערע ריידעלאַך
און הערט זיך צו צו מיר.
הערט אוים אַ געשיכטעלע,
ליכטיק ווי אַ ליכטעלע,
און ריכטיק אָן אַ שיר!

א

אַמאָל זיינען געווען דריי שוועסטער און דריי ברידער. די דריי שוועסטער האָבן געוואוינט אין איין עק וועלט, אין מצרים, און די דריי ברידער האָבן גע־וואוינט אין צווייטן עק וועלט, נעבן סמבטיון אין דער מדינה פרס. די דריי ברידער האָבן ניט געוואוסט פון די דריי שוועסטער, און אַזוי האָבן די דריי שוועס־טער ניט געוואוסט פון די דריי ברידער.

איצט גייט אַרוים די ערשטע שוועסטער אין מאַרק צו זוכן זיך אַ חתן. זעט זי, אַ טערק שטייט מיט אַ ציג, און ער רופט איר זי זאָל צוקומען. קומט זי צו. זאָגט דער טערק צו איר אַזוי:

— קום אַהער, מיידעלע. אָט האָב איך פאַר דיר

אַ ציג. מעלק איר אויס אַלע מאָרגן און אָוונט, און איר מילך גיב דיין חתן, וועט ער דיך ליב האָבן.

קוקט די שוועסטער אויף דער ציג, און זי ווייסט ניט וואָס צו זאָגן. זאָגט ווייטער דער טערק:

— דאַרפסט קיין סך ניט טראַכטן, מיידעלע. קיין סך געלט וויל איך ניט. גיב מיר איין זילבערנעם טאָלער, גיב איך דיר די ציג.

נעמט זי אַרויס די האַנט פון קעשענע, און זי ווייסט ניט וואָס זי טוט. און זי גיט דעם טערק אַ זילבער־טאָלער, און זי נעמט די ציג אַהיים.

זעען די שוועסטער די ציג, און הערן די מעשה מיט דעם טערק, לאַכן זיי אַזוי:

די טערקן מיט די ציגן,
באַמערקן זיי אַ קליגן,
נאַרן זיי, און שאַרן זיי
אים אַריין אַ ליגן!

פאַרשטייט דאָך שוין די שוועסטער, אַז זי האָט געטאָן אַ נאַרישקייט, לאַכט זי אויך מיט. ווייל אַלע האָבן זי ליב געהאַט, און קיין זאָרג איז ניט געווען.

איינמאָל קוקט זיך אַרום די צווייטע שוועסטער דורך אַ פענצטער אין מאַרק אַרוים, צי עס קומט ניט איר חתן. זאָגט צו איר די ערשטע שוועסטער אַזוי:

— בעסער גיי אַרוים, טייערע, אין מאַרק אַרוים, און אַז דו וועסט זיך געפינען אַ חתן, וועל איך דערנאָך אויך אַזוי געפינען.

גייט די צווייטע שוועסטער אין מאַרק אַרוים. זעט זי אַ טאַטער זיצט אויף דער ערד, און ער שפּילט אויף אַ פייפל. זאָגט צו איר דער טאַטער אַזוי:

— קום אַהער, מיידל, וועסטו זען דאָס פּייפּעלע וואָס איך האָב געמאַכט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געגאַנגען צו מיין כלה. און אַז איך האָב געשפּילט אויף דעם פּייפּעלע, האָב איך געוואוסט, אַז זי האָט געפאַנגען מיין האַרץ. איצט זיינען מיר אַלט, האָב איך דאָס געבראַכט אין מאַרק אַריין.

קוקט די שוועסטער אויף דאָס פּייפּעלע, און זי ווייסט ניט וואָס צו זאָגן. רעדט דער טאַטער ווייטער אַזוי:

— דאַרפסט קיין סך ניט טראַכטן. קיין סך וויל איך ניט. גיב מיר איין זילבערנעם טאַלער, גיב איך דיר דאָס פּייפּעלע.

נעמט די שוועסטער אַרוים די האַנט פון קעשענע, און זי ווייסט ניט וואָס זי טוט. און זי גיט דעם טאַ־טער אַ זילבער־טאַלער, און נעמט דאָס פּייפל אַהיים.

זעען די שוועסטער דאָס פּייפּעלע, און הערן די מעשה מיט דעם טאַטער, לאַכן זיי אַזוי:

אַ טאַטער מיט אַ קאַטער,
שוואַרצע האָר האָט ער.
שוואַרצע הויזן טראָגט ער.
און אַ ליגן זאָגט ער!

פאַרשטייט שוין די צווייטע שוועסטער, אַז זי האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. לאַכט זי אויך מיט. ווייל אַלע האָבן זיך געהאַט ליב. און קיין זאָרג איז ניט געווען.

איינמאָל, אַנהויב זומער, נעמט די דריטע שוועס־טער אַ פריש בלימל פון גאָרטן, פלעכט זיך אוים אַ ניי צעפּל, און זעצט זיך ביי דער טיר, צו זען, אויב

ס'קומט ניט איר חתן אין מאַרק אַריין. זאָגט צו איר די צווייטע שוועסטער אַזוי:

— בעסער גיי אַרויס, טייערע, צו די וועגן וואָס ליגן ביי די פעלדער פון מזרח, ווייל אין מאַרק זיינען נאָר קלוגע מאַרקלייט, וואָס וועלן דיך אָפּנאַרן. און אַז דו וועסט געפינען דיין חתן, וועל איך דערנאָך אַרויסגיין, און אויך געפינען אַזוי.

גייט אַרויס די דריטע שוועסטער אויף די גרינע וועגן. קומט איר אנטקעגן א רייטער, מיט צוויי פערד, און דער רייטער זאָגט צו איר אַזוי:

— קום אַהער, מיידעלע. אויף דיר, טאַקע, האָב איך מיינע אויגן אויסגעקוקט! זעץ זיך אויף דאָס צווייט פערדל, וועל איך מיט דיר רייטן אין קיניגס שטאָט אַריין, וועסטו זיך אויסקלייבן דאָרטן דעם בעסטן חתן אין דער וועלט. איך האָב אָנגעוואָרן מיין בייטל רענדלאַך, ווייל איך דיר פאַרקויפן איין פערדל, צו קויפן עסן פאַר זיי, און אויך פאַר מיר.

קוקט די שוועסטער אויף דעם פערדל, און זי ווייסט ניט וואָס צו זאָגן. רעדט ווייטער דער רייטער אַזוי:

— דאַרפסט קיין סך ניט טראַכטן. קיין סך וויל איך ניט. גיב מיר איין זילבערנעם טאָלער, זיצסטו אויף מיין פערדל.

נעמט די שוועסטער אַרויס די האַנט פון קעשענע, און זי ווייסט ניט וואָס זי טוט. און זי גיט דעם רייטער אַ זילבער-טאָלער, און זעצט זיך רייטן אויף דעם פערדל.

רייטן זיי ביידע. פאַרגעסט זיך די שוועסטער אַלץ אין דער וועלט, און איר חתנ׳ס בילד שפּיגלט זיך פאַר איר אויף אַלע וועגן, אין אַלע פאַרבן. און דאָס פאַר׳כישופ׳ט איר טאַקע.

רייטן זיי אַזוי לאַנג. ביז עס ווערט גוט נאַכט. אַלע שטערן אויסגעשפּרייט. שוועסטערס אויגן זיינען שווין מיד.

זאָגט דער רייטער אַזוי:

לאָמיר בעסער אַראָפּגיין, און אָפּרוען צווישן די בערג. און אויך די פערד וועלן אָפּרוען.

לאָזן זיי די פערד צווישן די ביימער. און שוועסטער מיט רייטער שלאָפן באַלד איין.

זיך אויפגעכאַפּט, האָט געיאָגט אַ שאַרפע קעלט. אַ שניי שניידט אויף די וועגן. און די פערד פליען מיטן ווינט. און זי ליגט געבונדן צו איר פערד. און זי קוקט מיט אַ פרעגן צום רייטער.

דער רייטער זאָגט צו איר אַזוי:

— דו ביסט געווען קראַנק. און דער דאָקטאָר

האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף רייטן מיט דיר אויף די וועגן, ביז וואַנען דו וועסט געזונט ווערן. ווייל דו ר'עדסט אַלץ פון דעם, וואָס דו זעסט אויף די וועגן. די וועגן האָבן דיך פאַר'כישופ'ט. איצט איז אַכט חדשים, אַז איך יאָג זיך אַזוי מיט דיר. און אָט זיינען מיר ביי דעם סוף וועלט!

ער האָט איר אָפּגעבונדן. און זי האָט זיך גע־נומען דערמאָנען, וואָס מיט איר איז געשען. ווייטער אויף דעם סוף וועג איז געשטאַנען אַ קרעטשמע. קו־מען זיי נענטער, זאָגט דער רייטער אַזוי:

— דיך וויל איך לאָזן אַ ווײילע מיט דיין פערד, און איך וועל אַריינרייטן. איך וועל באַלד אַרויסקו־מען.

ער איז אַריין אין קרעטשמע.

ב

די דריי ברידער זיינען געזעסן אין זייער טאַטנס וויינגאָרטן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום טייך סמבטיון, וואָס ליגט אויף דעם סוף וועלט, און גערעדט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף אַרויסשיקן דעם עלטסטן פון זיי אין די ווייטע וועגן אַריין, וואָס גייען אין ווייט וועלט. און אַז ער וועט זיך געפינען און ברענגען זיין כלה, וועט נאָך אים אַרויס דער צווייטער אין זיינע וועגן.

אַזוי זעען זיי פון ווייטן קומט אַ וואַנדערער, מיט זיין זעקל אויף דער פלייצע. און דער וואַנדערער איז טאַקע געווען ניט קיין אַנדערער, ווי אונדזער טערק פון דער ציג.

קומט דער טערק צו נעענטער, טראָגן אים די ברידער אַרוים ברויט מיט זאַלץ, און אַ קרוג וואַסער פון קוואַל, וואָס פליסט צווישן די פעלזנשטיינער פון סמבטיון אַרוים. און דער טערק זעצט זיך נעבן זיי, און זאָגט אַזוי:

— דערווייל וועל איך זיין מיט אייך, טרינקען אייער וואַסער, און עסן אייער ברויט, ביז וואַנען עס וועט קומען די מיידל מיט מיין ציג.

דער עלטערער ברודער כאַפּט זיך דאָ אויף, אַזוי ווי פון זיינעם אַ חלום. און ער פרעגט:

— קען זי מעלקן דיין ציג? און איז די מילך זיס?

דער טערק ענטפערט אַזוי:

— אַלע מאָרגן און אַלע אָוונט. און די מילך איז זיס. די מיידל איז אויך זיס.

דער ברודער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, און באַרואיקט זיך. דערנאָך זאָגט ער צו זײַנע ברידער:

— וועל איך שוין איצט בלײַבן דאָ און וואַרטן.

איינמאָל, ערב יום טוב, איז דער טערק אַרויס כאַפּן פיש אין טײַך, וואָס ליגט אויף דעם סוף וועלט, פּונקט אַנטקעגן סמבטיון. און די ברידער זײַנען געזעסן אין טאַטנס ווײַנגאָרטן, און גערעדט וועגן דעם וואָס מ'דאַרף אַרויסשיקן דעם צווייטן ברודער אין די ווײַטע וועגן, וואָס גייען אין גרויסער וועלט אַרײַן. און אַז ער וועט זיך געפינען און ברענגען זײַן כלה, וועט אויך אַרויס דער דריטער ברודער אין זײַנע וועגן. אַזוי זעען זיי, פון ווײַטן קומט אָן אַ וואַנדערער מיט זײַן זעקל אויף די פּלייצעס. און דער וואַנדערער איז טאַקע געווען ניט קיין אַנדערער, ווי אונדזער טאַטער פון דעם פּייפל.

קומט דער טאַטער צו נעענטער, טראָגן אים די ברידער צו ברויט מיט זאַלץ, און אַ קרוג וואַסער פון קוואַל, וואָס פליסט פון סמבטיון ארויס. דער טאַטער זעצט זיך נעבן זיי, און זאָגט אַזוי:

— דערווייל וועל איך זײַן מיט אײַך, טרינקען אײַער וואַסער און עסן אײַער ברויט. ביז עס וועט קומען די מיידל מיט מײַן פּייפעלע.

דאָ כאַפּט זיך דער צווייטער ברודער אויף, ווי פון זײַנעם אַ חלום, און פרעגט:

— קען זי פּייפן אויף דעם פּייפעלע שיין? און קומט זי איינע אַליין?

ענטפערט דער טאַטער אַזוי:

— זי פייפט שיין, ווי דער כישוף אַליין. און זי אַליין איז אויך שיין. און זי קומט מיט איר שוועס־טער צוגיין. און זיי ביידע זיינען שיין!

דער ברודער פאַרטראַכט זיך, און באַלד קומט ער צו זיך. דערנאָך זאָגט ער צו זיינע ברידער:

— וועל איך שוין איצט בלייבן דאָ, און וואַרטן.

איינמאָל, ווינטער, ווען דער ליבער ווייסער שניי האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דעם גאַנצן ווייגאַרטן, און טערק און טאַטער האָבן געראַמט די שניי נעבן הויז, זיינען געזעסן די דריי ברידער און גערעדט וועגן דעם, אַז ווען דער שניי וועט צעגיין און עס וועט קומען זומער שיין, וועט מען דאַרפן אַרויסשיקן דעם דריטן ברודער צו די וועגן וואָס ציען אין גרוים־וועלט אַריין, און זאָל ער זיך געפינען און ברענגען זיין כלה. דער־נאָך וועלן די אַנדערע ברידער אויך אַרוים אין זיינע וועגן. אַזוי זעען זיי, פון ווייטן קומט אַרויף צו רייטן אַ רייטער. און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי טאַקע אונדזער רייטער, מיט די צוויי פערד, מיט דער דריטער שוועסטער!

קומט אַרויף דער רייטער נעענטער און קומט אַריין אין דער קרעטשמע.

טראָגט מען אים צו ברויט מיט זאַלץ, און אַ קרוג וואַסער פון קוואַל וואָס קומט פון סמבטיון אַרוים. און דער רייטער זעצט זיך, און זאָגט אַזוי:

— דערווייל וועל איך זיין מיט אייך, טרינקען אייער וואַסער און עסן אייער ברויט, ביז וואַנען עס וועלן קומען די אַנדערע צוויי שוועסטער.

דאַ כאַפּט זיך אויף דער דריטער ברודער, ווי פון זיינעם אַ חלום, און ער פרעגט:

— וואו זשע איז די דריטע פון די שוועסטער, די אינגסטע פון די דריי, וואָס דאַרף דאָך אַרויפקו-מען פון די ווייסע וועגן!?

ענטפערט דער רייטער אַזוי:

— אָט גיי איך אַרויס צום שניי, און איינס און צוויי, און זי איז באַלד דאָ. אין אַ גליקלאַכער שעה.

דער ברודער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, און קומט באַלד צו זיך. און ער זאָגט צו זיינע ברידער:

— וועל איך שוין איצט בלייבן דאָ, און וואַרטן.

פאַלן אַרויף אויף אים די אַנדערע צוויי ברידער אין פרייד און מיט קושן. און זיי זאָגן די רייד:

— מיר וועלן אַלע וואַרטן! און באַלד וועלן טאַקע אַלע דריי שוועסטער קומען!

דאָ קומט אַריין דער רייטער מיט דער שוועסטער. פאַלט אַרויף דער דריטער ברודער אויף זיין כלה, און זיי צוקושן זיך ביידע אַזוי האַרציק, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך קענען שוין לאַנגע-לאַנגע ציימן. און דער טערק און דער טאָטער קומען שוין אויך אַריין. אַזוי מאַכט מען אַ רינג, און די שוועסטער-ברודער אינ-מיטן. און מען טאַנצט אַ ראָד.

איצט לאָמיר גיין זען, וואָס הערט זיך מיט די אַנדערע צוויי שוועסטער.

ג

יענע שוועסטער זעען, אַז דער מאַרק איז שוין אוועק, אַלע פורן זיינען שוין אַרויסגעפאָרן, און באַלד

קומט שוין האַלבע נאַכט, און מען וועט צושליסן די טויערן פון שטאָט, און די דריטע שוועסטער איז נאָך אַלץ ניטאָ. אַזוי נעמט די ערשטע שוועסטער די ציג, און די צווייטע שוועסטער דאָס פייפל, און זיי גייען אַרויס פון שטאָט אויסצוזוכן די דריטע שוועסטער.

אַזוי ווי זיי גייען אַרויס הינטערן שטאָט, באַגעגנט זיי אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע, און דער בעטלער זאָגט אַזוי:

— קומט אַהער, מיידעלאַך, וועל איך אייך זאָגן, וואו אייער שוועסטער איז אַוועק. ווייל איך קום איצט פון דאָרט, טאַקע, וואו זי איז אַוועק.

קוקן זיי אויף אים, און זיי ווייסן ניט וואָס צו זאָגן. ווייל זיי ווייסן ניט, פון וואַנען ער ווייסט זייער שוועסטער, און פון וואַנען ער קען זיי. אַזוי זאָגט ווייטער דער בעטלער אַזוי:

— איר דאַרפט ניט זיין אַזוי פאַרוואונדערט. איר זייט דאָך נאָר דריי שוועסטער, ניט קיין הונדערט. און איך קען די גאַנצע וועלט! און אויב איר ווילט, קען איך אייך אַפילו זאָגן, וואו אייער חתן איז!

דאָ ווייסן זיי שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן, פאַר גרויס וואונדער. זאָגט ער ווייטער אַזוי:

— וואָס דאַרפט איר אַ סך טראַכטן, קיין סך וויל איך ניט. גיט מיר די מילך פון אייער ציג, וועט זיין גענוג!

גיבן זיי אים די מילך פון דער ציג, און ער טרינקט זיך אָן, און לייגט זיך אויפן פעלד, אונטער אַ בוים. און זאָגט אַזוי:

—איצט בין איך מיד, וועט איר מיר שפילן אַ

ביסעלע אויף אייער פּייפל, וועל איך איינשלאָפן. דער־נאָך וועל איך אויפשטיין באַרוט, און אייך זאָגן אַל־דאָס גוט!

שפּילן זיי אים אויפן פּייפל. שלאָפט ער גלייך איין; זיין טאָרבע צוקאָפּנס, און זיי צופוסנס זיצן און וואַרטן.

זיצן זיי אַזוי און וואַרטן. און עס נעמט זיי שלע־פערן. און זיי האָבן מורא אַן אויג צוצומאַכן. און זיי טראַכטן שוין:

— אַ ליגנער אַ בעטלער. דער בעטלער האָט זיי אָפּגענאַרט!

דאָ הערן זיי, ווי דער בעטלער רעדט פון שלאָף, און ער זינגט זיך אַזוי:

שוועסטער צוויי.
אַזוי און אַזוי!

באַלד פֿאַלט דער טוי,
אין פֿרי מאָרגן.
אַלצדינג וואַרט.
ער האָט ניט גענאַרט.
דער בעטלער הייסט:
ניט זאָרגן!

לאַכן די שוועסטער אַ געלעכטער:

— מאָרגן-זאָרגן! דאָ איז שוין באַלד סוף נאַכט, און מיר האָבן אַלץ געטראַכט און געוואַכט. לאָמיר זיך אַביסעלע בעסער צושפּאַרן, און כאַפּן אַ דרעמל, און זיך ניט נאַרן.

כאַפּן זיי אַ דרעמל און עס חלומ'ט זיי: אַז אַלע רייטן זיי אויף דער ציג. דער בעטלער ערשט, און זיי פֿון הינטן. און דער בעטלער פּייפֿט אַזוי הויך אויפֿן פֿייפֿל, און טרייבט אַזוי הויך די ציג, ביז אין די וואָלקן אַריין!

פֿרעגן זיי אים:

— וואָס פֿייפֿסטו אַזוי הויך, גוטער בעטלער, און וואָס טרייבסטו אַזוי הויך די ציג, ביז אין די וואָלקן אַריין?

לאַכט דער בעטלער, און ענטפֿערט אַזוי:

— איך פֿייף הויך, איר זאָלט זיך אויפֿכאַפּן, וועט איר זען, אַז דאָס איז ניט קיין חלום, נאָר אַן אמת. און איך טרייב אַזוי הויך די ציג, ביז אין די וואָלקן אַריין, ווייל איך פֿלי מיט אייך איבער די גרעסטע ימ'ען אין דער וועלט. און איך פֿלי עס צום סוף וועלט מיט אייך.

עפענען זיי אויף די אויגן, און זעען, אַז דאָס איז טאַקע אַן אמת. זיי פליען אויף דער גאַנצער וועלט. און עס איז אין מיטן ליכטיקן טאָג. און זיי פליען אַזוי גיך, מיט דער געשווינטקייט פון אַ טאָג אַ מינוט. און די טעג און די נעכט פליען זיי אַריבער ווי פייגל, און פאַרשווינדן מיט זייערע שוואַרצע קעפּלאַך. זיי פאַרשטייען גאָרניט ווי מען קען אַזוינס זען מיט די אויגן!

נעמט פאַלן אַ שניי. ווייסן זיי אַז איצט איז ווינטער. זאָגט דער בעטלער צו זיי אַזוי:

— איצט קומען מיר צום סוף וועלט, וואו עס וואוינען די דריי ברידער. פאַר יעדער שוועסטער אַ ברודער. אָן דער ציג וואָלט איר קיינמאָל ניט געקענט קומען צו זיי. און אָן דעם פייפל וואָלט דאָס אַלץ געווען אַ חלום ביי אייך.

באַלד קומען זיי אַרונטער צום סוף פון דער וועלט, וואו עס ליגט דער סמבטיון, און זיי שטייען מיט זייער ציג און מיט זייער פייפל, און דער בעטלער מיט זיין טאָרבע. נעמט די צווייטע שוועסטער דאָס פייפל, און זי ווייסט ניט וואָס זי טוט, און פייפט אויף דעם פייפל. אַזוי לויפט אַרויס דער צווייטער ברודער, און נאָך אים אַלע ברידער מיט דער דריטער שוועסטער, מיט דעם טערק, מיט דעם טאַטער, מיט דעם רייטער. און זיי האָבן דאָס איצט טאַקע געהאַלטן אין טאַנצן אַ ראָד.

פאַלן אַרויף די שוועסטער אויף זייער שוועסטער, און די שוועסטער אויף די ברידער, און די ברידער אויף שוועסטער, און עס ווערט אַ שמחה! דאָ זעצן

זיך אַוועק די פיר פרעמדע — טערק און טאָטער, רייִ־
טער און בעטלער — אויף די צוויי פערדלאַך, צו
צוויי אויף אַ פערד, און מיט איין יאָג טוען זיי זיך אַ
טראָג אַריבער דעם סמבטיון, וואו די שטיינער וואַרפן
און פאַלן איבער זיי. און אין איין רגע ווערן זיי פאַר־
שוואונדן.

קו־קו־רי־קו־רו.
די מעשה מאַכט זיך צו.



גראָבער געצל

געצל. גראָב־געצעלע.
טראָג אַריין אַ קלעצעלע.
באַק מיר אָפּ אַ פלעצעלע.
לייג אַריין אין טעצעלע.
וועט זיין פאַר מיין קעצעלע.

די רייזע באַשרייבונג פון די צוואַנציק גוטע קינדער

קאַפּיטל איינס

צוואַנציק גוטע קינדער האָבן געכאַפּט אין וואַלד אַ בער.
טאַנצן זיי אַרום אין אַ ריידל.
און דער בער אין מיטן דרייט זיך אַהין און אַהער,
און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיין ווײדל.

— צוואַנציק גוטע קינדער, וואָס ווילט איר, זאָגט גיכער!
איך קען דאָך ניט טאַנצן און שפּרינגען!
איך קען אָבער שפּאַצירן און טראָגן אייך זיכער,
און איר וועט זיך שרייען, און זינגען!

— אָט דאָס, ברודער בערל, איז דאָך גוט ווי די וועלט!
ווער דאַרף ביי דיר בעסער און שענער.
און די צוואַנציק גוטע קינדער, גוט ווי די וועלט,
פון גרוים ביז קליין און קלענער —

האָבן זיך אַרויפגעזעצט, און איינס — צוויי — דריי,
וואַלד אויס — וואַלד איין געריטן.

צוואַנציק גאַנצע טעג און נעכט פאַרביי, —
ביז זיי האָבן דערזען אַ שליטן.

די צוואַנציק גוטע קינדער זיינען מיטן שליטן אַוועק,
צוואַנציק טעג און נעכט אין שניי.
איצט איז אַ סוף, און דאָ נעמט אַן עק. —
דערנאָך קומט קאַפּיטל צוויי:

קאַפּיטל צוויי

צוואַנציק גוטע קינדער אין אַ שניי און אַ פּראָסט,
און דער שליטן שניידט גיך ווי אַ ווינט.
— שליטן! שליטן! פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט
אַ צוואַנציק מיילער הויז-געזינט!

די נעזלאַך רויט, אויך הונגעריק טויט —
און פלוצלינג, וואָס זעען די אויגן?
מאַמעס! אַ טייך, און ווייט, אַזוי ברייט,
אַ גליטש! — ווי פייל פון בויגן!

ווער מיר אַן עסן! און וואָס מיר אַ קעלט!
אַ מאַרש אויפן גליטש אין געפילדער.
צוואַנציק גוטע קינדער, און גוט ווי די וועלט,
צעלאָזן זיך ווילד און ווילדער.

און איצט קומט אַ — באַץ! אַ פּלאַץ און אַ בראַך!
די צוואַנציק, זיי קוויטשען אַ קוויטש!
אַ וואַלפיש צעעפנט זיין מויל אין אַ לאַך,
שלינגט גיך אין זיך איין דעם גליטש!

צוואנציק גוטע קינדער, אַזוי גוט, אַזוי שיין,
זיינען אונדז דאָרטן פאַרביי.
דאָס איז נאָך גאָרניט, און איצט קומט צוגיין,
אונדזער קאַפּיטל דריי:

קאַפּיטל דריי

צוואַנציק גוטע קינדער לאַכן זיך פריילאַך,
און לויפן אַרום אין פישל.
עס איז זיי דאָ גוט, און וואַלפיש, זייער מלך,
רופט זיי איצט פריילאַך צום טישל.



— איך האָב ליב גוטע קינדער. איך האָב אייך געבראַכט,
איר זאָלט ביי מיר לעבן אַ טאָג מיט אַ נאַכט!
זיין נאָז טוט אַ בלאָז אַרוים וואַסער, ווען ער לאַכט,
און די אויגן, אַ פינקל, האָבן ליכטיק געמאַכט.

אַ פישל ברענגט צום טישל אַזוי פיל גוטע זאַכן,
און זיי שרייען: פישעלע, זים לעבן! —

דער טיש איז שוין פול, צו וואָס אַ סך מאַכן,
גענוג דיר דיין טראָגן און געבן!

— וואָלפיש! וואָלפיש! פאַרשלים שוין דיין מויל,
עס רינט דאָך אַריין וואַסער!
צוואַנציק גוטע קינדער, און קיין איינער ניט פויל.
און קיינער פון זיי איז אַ נאַסער.

וואָלפישל לאַכט. וואַסער שפּריצט ער פאַר מיילן:
— קינדער, הערט זיך איין צו מיר!
איר זעט ווי איך שנייד זיך אין מיין יאָגן און איילן?—
איצטער גייט קאַפּיטל פיר.

קאַפּיטל פיר

— צוואַנציק גוטע קינדער! ערגעץ אויף יענער זייט וואַסער,
דאָרט וואו עס וואַשט זיך דער הימל.
דאָרט קומט דער טאָג אַזאַ לויטערער, בלאַסער,
און נאַכט, אַזאַ שטילער געווימל. —

דאָרט קומען מיר מאָרגן, צו דער וואָלפיש־משפּחה,
אויף צוואַנציק טעג און צוואַנציק נעכט.
ניט עסן, ניט טרינקען, צומאָל ניט קיין ברכה,
און פאָרט ניט קיין הונגער, קיין שלעכט!

— וואָלפיש! וואָלפיש! ווער דאַרף דען דיין עסן!
הימל מיט וואַסער איז בעסער!

מיר וועלן דיר אַלצדינג פאַרגעבן, פאַרגעסן,
און קלאַפּטער שווין גרעסער און גרעסער!

צוואַנציק גוטע קינדער, לוסטיק און פריילאַך,
שפּרינגען אַרום אונדזער טישל:
— אונדז איז דאָך וואויל, און אונדזער מלך, —
קיסר וואַלפיש פישל —

וועט מאָרגן באַווייזן וואונדערלאכע וואונדער,
וואַרפט-זשע שווין העכער די היטל!
צוואַנציק גוטע קינדער מאַכן זיך גרייט אַצינדער —
ביז דעם פינפטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פינף

אויף יענער זייט וואַסער, וואו דער הימל קומט אַראָפּ,
זיינען אַלע געקומען אין פרימאָרגן.
האָט זיך אָנגעשטויסן הימל מיט וואַלפיש-קאָפּ,
אָבער אָן אַ בראָק ווייטיק און זאָרגן.

פאַרקערט, אַלע קינדער, נאָך שלעפעריק פון נאַכט,
צוואַנציק די פריילאַכע יונגען,
האָבן זיך אָוועקגעטאַנצט, און געשפּאַסט, און געלאַכט,
און אַזוי זיך געזאָגט און געזונגען:

— פישל, דו וואַלפיש! דו גיי צו דיינע פישן,
און מיר גייען העכער, בעסער!
מיט דיינע וואַלפישן ווילן מיר זיך ניט מישן,
מיט דיינע וואַסער פרעסער!

וואָלפּישל לאַכט, און די נאָזלעכער יאָגן,
און שאָקלען שטיקער הימל: —
צוואַנציק גוטע קינדער! וואָס ווילט איר דען זאָגן,
וואָס דאַרפט איר דען מאַכן אַ טומל? —

איך וויל אייך נאָר ווייזן, ווי מיר מעסטן די וועלטן,
אָבער איר זייט מיר שטענדיק פריי.
גייט מאַכט זיך די הימלען פאַר אייערע געצעלטן.
איצט קאַפּיטל צוויי מאָל דריי.

קאַפּיטל זעקס

שפּרינגען די קינדער פון וואָלפּיש אין הימל,
באַדעקט זיי אַ בלויאינקע בלאַסקייט.
און, זע! הינטער די פיס, אַ שטערן געווימל,
אין אַ טויאיקע גלאַנציקע נאַסקייט!

— היי, טוי־באַדעקטע שטערן! קומט בעסער אַריבער!
אויף יענער זייט וואַסער איז שענער!
צוואַנציק גוטע קינדער, און זיי אַלע איז ליבער,
פון גרויס ביז קליין, און קלענער —

אַ פּריש ביסעלע וואַסער צו טרינקען פון קוואַרט,
צו וואַשן די אויגן און ברעמען.
מוחל די וואָלפּישן וואו זיי וואוינען זיך דאָרט,
מוחל זייער ליבן באַנעמען!

אַזוי פליט גיך אַרויף אַ קליינער און בלאַסינקער שטערן,
פליט ער אַלץ העכער און העכער

(ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן בעסער אים הערן).
אָבער, זע נאָר, עס איז גאָר אַ בעכער!

און פון בעכער, פון מיטן די בלאַסע שטערן-שטראַלן,
קוק: אַ אינגעלע, מיט אַ שמייכל אַ ליבן!
און זיינע ווערטער, ווי צינגעלאַך פון גלעקעלאַך פאַלן:
איצטער גייט קאַפּיטל זיבן.

קאַפּיטל זיבן

צוואַנציק גוטע קינדער, אין בלויקייט און בלאַסקייט,
זיי האָבן נאָך אַזוינס ניט געזען!
זיי אַלע וואַשן זיך אין אַ שטראַליקער נאַסקייט,
און שטערנדלאַך נעמען זיך דרייען.

שטערנדלאַך הוידן זיך, און הויבן זיך העכער,
ביז דעם ערשטן שטערן-אינגל!
און פון יעדערן שטערן שיינט אַרויס אַ בעכער,
און פון יעדן בעכער אַ אינגל-צינגל!

שטערן-אינגל-צינגל קלינגלט אַ קלינגל,
און אַלע שטערן-קינדער קלינגען.
צוואַנציק גוטע קינדער שטייען אין אַ רינגל,
און הערן ווי די שטערן זינגען: —

„מיר זיינען אַלע קינדער, און מיר חלומ'ען ביינאַכט,
„פון ווייטע וואונדער-ווייטן.
„און ווען עס קומט טאָג, דעמאָלט קוקן מיר פאַר־טראכט,
„אַהין, וואו די רייטער רייטן!

„דאָרט רייטן די רייטער אַלץ ווייטער און טיפֿער,
„פֿון טאָג ביז אַריין אין דער נאַכט!
„מיר שלאָפֿן שוין, חלומ׳ען: שיפֿן און שיפֿער״ —
איצט קומט דער קאַפּיטל אַכט.

קאַפּיטל אַכט

„צוואַנציק גוטע קינדער! שיפֿן אָן אַ רודער,
„זיי בלאָנדזשען די גאַנצע נאַכט.
„—וועמען זוכט איר, שיפֿער? איך בין אייער ברודער!
„און זיי וויגן זיך, קומען, באַזאַכט.

„דערנאָך בלאָנדזשען זיי אַרום, און איך אויך אַזוי,
„אַזוי אויך אַלע שטערן.
„ביז מיר אַלע, מיר קומען צום בלאָם און צום בלוי,
„ביז עס נעמט ליכטיק ווערן.״

צוואַנציק גוטע קינדער, זיי רייסן אויף די אויגן,
און שטראַלן נעמען פֿאַלן און פֿליסן.
צוואַנציק גוטע קינדער, ווערן אַלע צוגעצויגן,
זיי ווייסן, ווילן נאָך עפּעס וויסן! —

זיי ווייסן, די זון! — די זון! — אָבער ווילן וויסן
דאָך,
פֿון וואַנען עס גיסן די שטראַלן?
ערשט זע נאָר, פֿון יענער זייט וואַסער אַ לאָך!
און פֿון דאָרטן — אַ פֿרייד און אַ שאַלן!

היי, שטערן-אינגל-צינגל! קלינגל מיט דיין גלעקל!
צוואַנציק גוטע קינדער, אַלע פֿיין!

פאַרדעקל שוין דיין גלעקל, און פאַרפעקל שוין דיין זעקל! —
און איצט איז קאַפּיטל ניין.

קאַפּיטל ניין

היי, שטערן־אינגל־צינגל! פון יענער זייט וועלט,
צי הערסטו געשרייען פון גליטשערם?
צי ווייסטו, קיין זאַך ניט האָט דאָרט אונדז געפעלט,
ווען מיר זיינען געווען יענע קוויטשערם!

— צוואַנציק גוטע קינדער, איך ווייס, און אַלע ווייסן!
און זעט נאָר, די שטראַלן קוואַלן —
זעט, זיי פליסן אונדזער בלאַס אין אַ ליכט אין אַ הייסן,
און זעט, ווי מיר ווערן פאַרפאַלן!

צוואַנציק ליכטיקע קינדער, באַשטראַלט און באַטאָגט,
זיי זעען און בליקן פאַרוואונדערט:
שטראַליקע פערדלאַך עס טראָגט און עס יאָגט,
און שטערן אין מחנות צו הונדערט —

פליען און יאָגן זיך, טראָגן זיך געשווינד,
עס נעמען אַזש דרייען די קעפּלאַך!
און אַזוי, אין דעם טומל, פליט גיך אָן אַ ווינט,
כאַפּט אָן זייערע האָר ווי די צעפּלאַך —

און זיי הוידען זיך אין ווינטל, האַלב אין חלום, האַלב אין וואַך,
אַזוי גוט איז זיי קיינמאָל ניט געווען.

אַזוי הערן זיי אין חלום, און דער טאָג גיט אַ לאַך —
און איצט איז קאַפּיטל צען.

קאַפּיטל צען

צוואַנציק גוטע קינדער, זיי האָבן אויפגעוואַכט,
אין אַ שטראַליקן ליכטיקן מאָרגן.
זיי ווייסן יענע וואונדער פון נעכטיקער נאַכט,
און סודות דאָרט זיינען פאַרבאָרגן —

אָבער ווייסן גאָרניט, ווער עס לאַכט אַזוי ליכטיק הויך,
פון אַרום, פון הויך, און נידער,
און ווער עס קייקלט געלעכטער אין זייער האַלדז אויך,
און ווער האָט זיי נאָכאַמאָל ווידער —

אָנגעטאָן די גליטשערס, און אָט פליען זיי ווי ווינטן.
און ווילן שוין אַלצדינג פאַרגעסן.
אָבער, זע! — היי, שליטן־גלעקל קומט אָן דאָרט
אַהינטן! —
און דאָרט זיינען שוין אַלע געזעסן!

— היי, שליטן־גלעקל־קלינגל, פאַרקלינג זשע דיין
צינגל,
זאָג בעסער, ווי לאַנג ווילסטו פאָרן?
צוואַנציק גוטע קינדער, און אינגל מיט אינגל,
זיי מיינען זיי פאָרן שוין יאָרן!

— היי, בערל, גוטער בער! קום דו נאָר אַהער!
און זיי טאַנצן שוין אַלע אַ ריידל!
און בערל אין מיטן דרייט זיך אַהין און אַהער
און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיטן ווײדל!

די מוטער ערד.

א

אמאָל איז געווען א יתום.

קיינער איז ניט געווען, וואָס זאָל זאָרגן צי איז ער הונגעריק, צי דאַרף ער אַ שוך, אַ העמד. און מענטשן זיינען גראָד געווען אַ סך אַרום אים. ווייל דאָס איז געווען אַ גרויסע שטאָט, וואו מענטשן האָבן געוואוינט, און נאָך מענטשן פלעגן אַלע טאָג אהער קומען פון די דערפער אַרום, צו ברענגען פרוכט און פוטער און מילך. און נאָך מענטשן זיינען געקומען מיט שיפן, און געבראכט סחורות פון איבער וואַסער און לאַנד. און פון אַנדערע וועגן זיינען נאָך געקומען וועגענער, און פערד, און קעמלען, און אייזלען, און אַלע האָבן געבראַכט מיט זיך נאָך מענטשן אין שטאָט אריין. אָבער קיינער האָט ניט געהערט עפּעס פון אַ יתום, וואָס דאַרף עפּעס, און האָט גאָרניט.

דער יתום האָט געשוויגן. האָט קיינעם גאָרניט געזאָגט. ער האָט ניט געוואוסט, ווי מ׳גייט צו צו אַ פרעמדן, וואָס לויפט פאַרביי ווי אַ ווינט, אָדער שטייט ווי אַ האָליץ, אָדער גייט רואיק ווי אַ וואָלקן, און אָפּשטעלן אים, און פרעגן אים עפּעס.

נאָר ביינאַכט, ווען ער פלעגט איינשלאָפן, האָט ער עפּעס געהערט אַ שטילע שטים, וואָס ציטערט איבער אים, ווי אַ מאַמע. דאָס איז געווען די וועלט, וואָס איז אַ מאַמע צו יתומים. אָבער וואָס זי זאָגט, האָט ער ניט געהערט. ער איז געשלאָפן.

איז געווען ווינטער. אַ שניי האָט זיך געטראָגן פון אַלע וועגן, און אויך איבערן וואַסער. און אַ ווינט האָט מען געהערט, רופט עפּעס אויף אַ קול. דאָס איז געווען די שטים פון דער וועלט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ווייט ביז ווייט, און גערופן:

— ווער וויל זאָרגן פאַר מיין יתום?! ווער וויל זאָרגן פאַר מיין יתומ׳ל?

קיינער האָט ניט געהערט, וואָס דער ווינט זאָגט און יאָגט. קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט.

דער יתום האָט ניט געהאַט קיין שיך אויף די פיס, און די שמאַטעס אויף זיין לייב זיינען צעריסן געוואָרן. פון קעלט איז ער קראַנק געוואָרן, און פון הונגער איז ער אין גאַס געפאַלן. שטיל האָט ער זיך צוגעהערט. און די וועלט האָט גערופן איבער אים, מיט אַ צאַרט מוטער־קול:

— מיין יתום! — מיין יתום! — קום צו מיר!

ער האָט געהערט אַ מאַמע־שטים, און ניט געוואוסט פון וועמען. האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט די לעצטע כחות, און זיך געשלעפּט אַהין, וואו די שטים האָט גערופן.

איז ער אַרויס אויף די וועגן פון ווייט. און שטיל זיך איינגעהערט, ווי די מאַמע־שטים האָט גערופן:

— מיין יתומ׳ל! — קום צו מיר!

הונגעריק און קאַלט איז ער געגאַנגען און געפאַלן. געגאַנגען אַביסעלע און געפאַלן. פאַר׳חלש׳ט זיך צוגעהערט צו די זאַמד פון די וועגן, און צו די שטיינער אויף דער ערד. און וואָס שטילער ער האָט זיך צוגעהערט, אַלץ מער האָט ער געהערט די שטים פון דער וועלט, ווי זי האָט גערופן מיט אַ מאַמעשטים:

— מיין יתומ׳ל! — קום צו מיר!

ביז ער האָט זיך איינמאָל מיט זיין גאַנצן קערפער, און מיט אַלע ביינער און גלידער, צוגעטולעט פאַלנדיק צו דער ערד, און מיט גרוים פרייד אריינגעגראַבלט זיינע פינגער אין די פלייש פון דער וועלט, אין דער מאַמעלע ערד, און ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע וועלט רופט דאָס. און ער האָט געענטפערט:

— מאַמעלע! מאַמעלע מיין!

און דער ווינט פון די וועגן האָט צוגעכאַפּט דעם ליבן צוריף און צוריקגערופן פריידיק:

— מאַמעלאך! מאַמעלאך מיינע!

און די פינגער האָבן געגראַבלט אין ליבשאַפט שטיקער זאַמד פון די וועגן, און זיין לייב איז שוין אינגאַנצן קאַלט געווען, ווי די ערד אַרום. און דער ווינט האָט צוגעטראָגן נאָך און נאָך זאַמד, און צוגעדעקט זיין לייב.

ב

גייען זיך אַזוי אַוועק אַ סך און אַ סך יאָרן. אָבער ביי דער וועלט איז דאָס געווען ווי איין נאַכט. דער

גאַנצער וועג אַרום האָט אויפגעבליט מיט פּרוכטיקע גערטנער, און מיט פּאַשע פאַר די פּי. די ערד איז גע־ווען זים. בינען האָבן געזוויגן איר זאַפט אין געזאַנג, און געגעבן צוריק האָניק דערפאַר. אָבער אַלצדינג פלעגט אויפעסן דער היישעריק.

מענטשן האָבן זיך געקלאָגט, און געבראַכט הינט. אוועקגעלייגט סם. אָנגעשטעלט שיסער מיט ביקסן. אַלץ האָט אָבער ניט געהאָלפן.

ביינאַכט, ווען אַלע פלעגן שלאָפן, און אַרום איז געוואָרן שטיל, אז מ׳האָט געקענט הערן יעדן שאָרך פון ווינט, דעמאָלט האָט מען געהערט אַ צערטלאַך מוטער קול, ווי עס רעדט צו אַ קינד:

— נאַ! — נאַ! — עס! — עס! — מיין קינד! — מיין קינד! —

און אויף מאָרגן איז אַלצדינג פון פעלד געווען אַרונטערגענומען. און ניטאָ!

אַ חכם איז געקומען, און געגעבן אַן עצה: מ׳זאָל אוועקשטעלן אַ טשוטשעלע מיט אַ מאַסקע פון אַ מענטש, אָנטאָן אים אין מענטשן־קליידער, מיט אַ היטל און מיט שיך. און אַפילו קלוגע פוקסן וועלן זיך דערשרעקן. מיינענדיק אַז אַ מענטש שטייט.

דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן.

ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, און עס איז געוואָרן שטיל, האָט מען געהערט די מוטער־שטים רופנדיק, אַראָפּציענדיק די שיך און קליידער אַרונ־טער:

— נאַ! — נעם! — קינד מיין! — נאַ — נעם!

אַזוי זיינען ביינאַכט אַלע ביקסן אַוועקגענומען גע־וואָרן, אַלע קליידער, און די שיך. און אַלצדינג פֿון די פעלדער איז אַראָפּגעליידיקט געוואָרן. און אַלע האָבן געקענט הערן די שטימע פון דער מוטער וועלט, רופנדיק ביינאַכט צערטלאַך צו אַ קינד:

— נאַ! — נעם!

אָבער קיינער האָט זיך ניט געוואָלט צוהערן.

און ביז היינט נאָך ווייסט מען ניט. ווייל זיך קיינער ניט איינהערן.

א ליד צו מיין קעצל

אסתר,
שוועסטער,
נעם אַ פּלעצל,
און פליק,
אַ שטיק,
אַריין אין טעצל.
גים,
אַביסל
מילך אַריבער,
פֿאַר מיין קעצל,
פֿאַר מיין ליבער.

א גוטע נאַכט

טשיריק. טשיריק.
פויגל פלי.
קום צוריק,
מאָרגן פרי.

טשיריק. טשיריק.
אויפן בוים,
שלאָף אין גליק.
ליג און טרוים.

טשיריק. טשיריק.
איך גיי אין בעט.
שוין מיד מיין בליק.
שוין נאַכט און שפּעט.
א גוטע נאַכט.

דער קלוגער נאַר

.1

שלמה המלך איז געזעסן ביי דעם פענצטער פון זיין פּאַלאַץ און באַטראַכט מיט זיין חכמה די גרויסע וועלט מיט אירע וואונדער, ווייל ער איז געווען זייער קלוג און אלצדינג האָט ער געוואוסט. זעט ער פון ווייטן קומט צופליען א טויב, אירע פליגל באַדעקט מיט שטויב, און מיד קלאַפּט זי אָן אין שויב.

עפנט שלמה המלך דעם פענצטער און לאָזט איר אריין.

הויבט די טויב אויף איר רעכט פליגעלע און עס פאַלט ארויס פון דאָרט א בריוועלע פון זיבן שורות, געשריבן אין זיבן לשונות און אין זיבן טינט קאָלירן, און גע'חתמ'עט מיט זיבן קיניגלאכע הערבן.

קוקט זיך איין שלמה המלך אין די הערבן, קוקט אין זיינע ביכער וואו עס זיינען באַשריבן אלע מלוכות פון דער וועלט, די וואָס שטייען אין זיין רשות און די וואָס שטייען ניט — און קען ניט געפינען וועמעס הערבן דאָס זיינען.

פּרוּווט ער לייענען די שפּראַכן. זיי זיינען אים פרעמד, ניט באַקאַנט!

איז דער קיניג געוואָרן באטריבט, וואס זיין גאנ־צער וויסן האָט אים דאָ געמאכט צום נאר גלייך מיט דער נארישער טויב, און ער האָט דאָך אלע שבעים לשונות אויסגעלערנט! זאָגט ער צו דער טויב:

—דו האָסט מיר געבראכט די רעטעניש, גיב מיר אויך דעם שליסל צו איר באשייד, וואָרים איך וועל ניט רוען, ביז איך וועל אלצדינג וויסן!

ענטפערט די טויב:

— אדוני קיניג! פון א ווייט לאנד קום איך, פון יענער זייט זון, און אומעטום ווייסט מען פון דיין גרויסקייט און עס ווערט דערציילט פון דיינע קעסט־לאכע חכמות. האָב איך אויסגעשוועבט דאָס גאנצע לאנד, ביז איך בין געקומען צו דעם גרויסן וואַלד מיט ווען עמען עס עקט זיך די וועלט, דאָרט האָב איך אויסגע־קליבן א בוים און גערוט אין זיינע צווייגן זיבן טעג און זיבן נעכט.

אויפן אכטן טאָג האָב איך זיך שוין געפילט פריש און קרעפטיק אָנצופאנגען אַ נייע רייזע. הער איך איבער מיר אויף מיין בוים פיקט א פויגל אין זיינע צווייגן. איך זאָל צו אים אַרויפקומען. איך פלי אַרויף, און דער פויגל זאָגט צו מיר:

— האָסט געהערט פון דעם קיניג שלמה? ער איז א גרויסער נאַר!

—זאָג איך:

— אַ גרויסער חכם איז ער. און איך קום איצט פון זיין לאנד אויף יענער זייט זון רייזנדיק אין דער גאַנצער וועלט, און איך האָב ניט געפונען קיין פלעק אונטער דער זון, וואו מען זאָל פון זיין גרויס חכמה

ניט ווייסן. איצט וועל איך זיך צוריק אומקערן אין זיין לאנד און אים א גרוס ברענגען, ווי מען לויבט זיין נאָמען אויף דער גאנצער וועלט.

זאָגט דער פויגל צו מיר:

— וועל איך דיר מיטגעבן דאָס בריוול צו אים, און אויב ער וועט עס קענען איבערלייענען אין צייט פון אכט זומערן, וועל איך אים ברענגען די בלום פון אייביק־לאנד, וואָס אז מען טוט אויף איר איין קוק לעבט מען אייביק!

דאָס איז אלץ וואָס איך קען דערציילן דעם קיניג.

2

האָט שלמה המלך געזאָגט:

— איז מיין נאָמען ניט שלמה, אויב איך וועל ניט ווייסן וואָס אין בריוול שטייט!

האָט ער געשיקט רופן אלע חכמים פון ירושלים און אלע כישוף־מאכער פון מצרים, און קיינער האָט ניט געוואוסט דעם באשייד.

האָט ער געלאָזן אויסרופן איבערן גאַנצן לאַנד, פון יהודה און ישראל, און אויך אין די אנדערע לענדער ארום, אלע חכמים זאָלן קומען אים ווייזן זייערע חכמות, און אלע וואָס זיינען א וועלט אויסגעוווען זאָלן קומען אים דערציילן די וואונדער וואס זיי האָבן געזען. און ווער עס וועט באפרידיקן דעם קיניג, באקומט א גרויסע מתנה.

זיינען געקומען מענער און פרויען, יונג און אלט, פון נאָענט און ווייט, און אויך פון אופיר איז מען געקומען, דאָס לאַנד פון וואַנען עס קומט דאָס גאָלד,

אָבער זיי האָבן קיינער דעם קיניג ניט צופרידנגע־שטעלט, ווייל ער האָט שוין געוואוסט פון אלץ וואס זיי האָבן אים דערציילט, פון די קראָקאָדילן פון הודו, פון די שלאנגען פון כוש, פון די כישוף פון מצרים, פון די חכמים פון צור, און אויך פון דער מלכה שבא האָט ער שוין געוואוסט.

זיינען באַלד אוועק די אכט יאָר, און דער קיניג ווייסט נאָך גארניט פון דאָס וואָס ער וויל אזוי וויסן, און נאָך אכצן טעג זיינען געבליבן.

אזוי ווערט טרויעריק דער קיניג און דער גאנצער פּאלאַץ וויקלט זיך ארום אין טרויער. מוזיק שפּילט ניט מער, און די מיידלאך און בחורים פון ירושלים טאנצן ניט אין די גערטנער פון פּאלאַץ. דער קיניג זאָגט מער קיין חכמות ניט פאר די געסט, וואס זאמלען זיך און קומען צו זיין טיש פון אלע עקן פון דער וועלט יעדן טאָג, און קיינער ווייסט ניט פארוואָס דאָס איז.

צען טעג זיינען אזוי אוועק.

איז געווען אויפן עלפטן טאָג, נאָך איידער דער טאָג האָט זיך באוויזן אויף די בערג פון חרמון, איז צוגעקומען אן אלטער בעטלער און אָנגעקלאפּט אין טויער פון פּאלאַץ:

— עפנט מיר אויף די טירן, וועל איך קומען פאר דעם קיניג שלמה צו דערציילן פון מיינע וואונדער, וואָס איך האָב געזען אויף דער וועלט!

עפנט מען אים אויף די טירן און ער ווערט גע־בראכט צום קיניג שלמה. פרעגט אים דער קיניג:

— פון וואַנען קומסטו דען, און פון וועלכע וואונ־דער ווילסטו מיר דערציילן?

דער בעטלער זאָגט:

— צוויי הונדערט און ניין און זעכציק יאָר איז אַלט דיין קנעכט, און זיין נאָמען איז יוסף, פון דמשק, און פון זיין יוגנט אָן האָט ער ליב צו וואַנדערן אויף דער וועלט צו זען אירע וואונדער. און אַזוי האָט ער שוין צוואַנציק מאָל געוואַנדערט ביז צו די לענדער אויף יענער זייט ים, און געגעבטיקט אין דעם וואַלד, מיט וועמען עס עקט זיך די וועלט!

.3

אז שלמה האָט דאָס געהערט, אז ער קומט פון דאָרט, וואו אויך די טויב איז געווען, האָט ער זיך זייער געפרייט, און באַלד האָט די מוזיק געשאַלט איבערן גאַנצן פּאַלאַץ, און פון גאַנץ ירושלים האָבן זיך געקליבן בחורים מיט מיידלאך צום קיניגס גערטנער צום טאַנץ. און שלמה המלך האָט געזאָגט:

— דערציייל, דערצייל פון יענעם וואלד מיט ווע־מען עם עקט זיך די וועלט. וואונדערבאר זיינען די לענדער פון יענער זייט זון, און וואונדערבאר זיינען אירע פייגל!

זאָגט דער בעטלער:

— איך וועל דערציילן די וואונדער פון וואונדער־פויגל. אמאָל בין איך געקומען אין יענעם וואלד אויפן עק פון דער וועלט, איז מיר אויסגעגאנגען מיין ברויט פון זאק, בין איך געגאנגען מיד און געבלאָנדזשעט, ביז איך בין געפאלן נעבן א בוים און איינגעשלאָפן. קומט צו דער פויגל און פיקט אויף מיין זאק. האָב איך זיך אויפגעכאפט, געקוקט וואס מיינע אויגן האָבן געזען, און געלאכט: נאר, דו פויגל! דער זאק איז לער און דו קענסט פון אים גאָר נישט אויספיקן! און ווי פאַרוואונדערט בין איך אָבער געוואָרן, ווען דער פויגל האָט צו מיר געענטפערט אין מיין שפראך:

דו נאַרישער בחור,
דו נאַרישער טראָפ,
האָסט דאָך קיין שכל
אין דיינעם קאָפ!

אויב דו וועסט טאָן וואָס איך וועל דיר הייסן, וועסטו האָבן גענוג שפייז פאר דיר און פאר מיר אויך. נעם דיין זאק און צעריים אים אין דרייצן פאסן, דער־נאָך זאָלסטו מיט זיי ארומוויקלען דעם בוים אונטן ביי זיין ערד, דערנאָך זאָלסטו אויסגראָבן פרישע ערד און באַשיטן ארום, דערנאָך זאָלסטו זיך לייגן שלאָפן. און ווען דו וועסט זיך אויפכאפן, וועסטו זען ווי שפראָ־

צונגען זיינען ארויסגעקומען, זאָלסטו אויסרייסן די שפּראָצונגען און נעמען א העלפט זיך און א העלפט מיר געבן, וועסטו נאָר אַ שמעק טאָן פון זיי, וועסטו ווערן זאט! איך האָב אזוי געטאָן, און אזוי איז טאקע געווען: פון די שפּראָצונגען האָב איך זיך גענערט ביז וואַנען עס האָט זיך געוויזן ישוב, איז געקומען א ווינט, אויסגעריסן זיי פון מיין האנט און אוועקגעטראָגן!

זאָגט שלמה המלך:

— א שיינע געשיכטע האָסטו מיר דערציילט! דאָס וועט מיר שוין זיין גענוג פאר היינט, און מאָרגן וועסטו מיר דערציילן נאָך וואונדער.

.4

אויפן צווייטן טאָג איז שוין דער בעטלער באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד און מוזיק, און ער האָט דערציילט זיין צווייטע געשיכטע:

— אַמאָל בין איך ארוים פון יענעם וואלד און פאַרבלאָנדזשעט אין אַ מדבר. אין מיין לאָגל איז קיין טראָפּן וואסער ניט געווען. די זון האָט נאָך דערצו געברענט שרעקלאך, און ווייט ארום איז קיין ברעקל שאָטן ניט געווען צו זען. האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויפן הייסן זאַמד און געבעטן מיין זעל צו שטאַרבן, הער איך אונטער מיר א פּיקן אין זאמד. איך קוק זיך אום, ערשט איך זע, דער וואונדער־פויגל שטייט און זאָגט צו מיר אזוי:

דו נאַרישער בחור,
דו נאַרישער טראָפּ,

האָסט דאָך קיין שכל
אין דיינעם קאָפּ!

קום אַהער און העלף מיר גראָבן, וועט זיין גוט פאַר דיר און אויך פאַר מיר. גיי איך צו און טו ווי ער וויל, און באַלד זע איך אַ קוואַל מיט פרישע קריסטאַל וואַסער. איך האָב זיך גוט אָנגעטרונקען, און אויך דער פויגל האָט זיך אָנגעטרונקען. דערנאָך האָב איך אָנ־געפּילט מיין לאָגל און געוואָלט גיין. לאַכט דער פויגל: דו טרינקסט פון קוואַל, און דו ווייסט ניט וואָס דו טרינקסט! נעם אַ טראָפּן וואַסער, גיס אויס אין זאַמ־דיקן מדבר און קער אָפּ דיינע אויגן, וועט אין איין אויגנבליק אויסוואַקסן אַ ריזיקער עפּלבוים, וואָס וועט דיך און מיך באַשיצן אין זיין שאָטן. אַזוי האָב איך געטאָן, און באַלד האָב איך זיך געקוויקט מיט די שענסטע עפּל אונטער אַ פרישן און פּרעכטיקן עפּל־בוים, אָנגעגעסן זיך צו זאַט און געשמאַק איינגעשלאָפן. און דריי טעג און דריי נעכט בין איך דאָ געזעסן און גערוט. אזוי ליב און גוט איז מיר געווען.

און דער קיניג שלמה זאָגט:

— וואונדערלאַך זיינען די וואונדער פון דעם וואונדערפויגל, און שיין זיינען דיינע מעשה׳לאַך! פאַר היינט וועט דאָס זיין גענוג, און מאָרגן וועסטו מיר ווייטער דערציילן.

אויפן דריטן טאָג האָט דער קיניג שוין געוואָרט אויף דעם בעטלער מיט זיבן פון זיינע שענסטע ווייבער. און דער בעטלער האָט דערציילט זיין דריטע געשיכטע:

— איינמאָל בין איך געזעסן אין וואלד און געגעסן מיין מאַלצייט פון זאַק, און עס האָט זיך מיר זייער געבענקט צו זען דעם וואונדערפויגל מיט זיינע וואונ־דער, און דאָ איז שוין באלד אוועק דער זומער, און אין די קאלטע נעכט וועל איך זיך מוזן שיידן צוריק צו די מזרח־לענדער אויף דער צווייטער זייט זון. דאָס האָט מיר באנג געטאָן, און מיין מאַלצייט איז מיר ניט זים געווען צוליב דעם. פלוצים הער איך ווי דער פויגל רופט צו מיר פון ווייט און ער קומט אן: —

דו נאַרישער בחור,
דו נאַרישער טראָפ,
האָסט דאָך קיין שכל
אין דיינעם קאָפ!

ניט דו דארפסט זאָרגן וועגן מיר, דו אָרימער בעטלער! איך וואַרט אויף א גרויסן קיניג וואָס זאָל זאָרגן איבער מיר. נאָר דערפאר וואָס דו האָסט מיר געהאָלפן לעצטן מאָל אין דעם מדבר, וועל איך דיר טאַקע זאָגן וואו איך בין געווען. זאָלסט וויסן זיין, אז איך בין דער עלטסטער פויגל אויף דער וועלט, און אַלע חכמות און אלע וואונדער פון די כישופמאכער פון מצרים און פון די חכמים פון ירושלים און צור זיינען קלאָר פאר מיר, ווייל דער ווינט פארטראָגט זיי אהער מיט זיינע פליגל פון אלע זייטן פון דער וועלט, צו מיר אין וואלד מיט וועמען עס עקט זיך די וועלט. און וויסן זאָלסטו זיין, אז דאָ איז מיט צען טויזנט יאָר צוריק געווען א וויסטער מדבר, און יענער מדבר וואו דו האָסט מיך געטראָפןביים קוואַל איז געווען אַ טייל

פון דעם וואלד. — דאָ האָט זיך דער בעטלער אָפּ־
געשטעלט.

זאָגט דער קיניג שלמה:

— דו האָסט מיר איצט די שענסטע מעשה'לע
דערציילט, און אויב דו וועסט ווייטער פון דער
מעשה'לע דערציילן, וועל איך דיך לאָזן אָנקליידן מיט
פורפור קליידער, און דו וועסט זיין ווי איינער פון
קיניגס פּאַלאַץ.

דער בעטלער ענטפערט:

— אדוני קיניג! — איך וועל די מעשה'לע דער־
ציילן ביזן סוף, און ווייטער איז זי נאָך שענער, און
אירע וואונדער זיינען גרויס ווי די וועלט. איך האָב
זיך אָבער פאַרגעסן, און דער קיניג זאָל מיר געבן צייט
ביז מאָרגן, וועל איך ווייטער דערציילן.

זאָגט דער קיניג:

— דיין פאַרלאַנג ווערט געטאָן.

.5

איז געווען אויפן פערטן טאָג. דער קיניג מיט
זיינע ווייבער האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן
בעטלער, די מוזיק האָט שוין געשפּילט, און די מיידלאַך
מיט די בחורים האָבן געטאַנצט, ווען ער איז געקומען,
און ווייטער דערציילט:

— אָבער איך מיט מיין חכמה האָב יענעם קוואַל
אויסגעפונען און פון זיין וואסער געמאכט דעם וואלד.
זיינען אלע ווינטן בייז געוואָרן אויף מיר, וואס איך
האָב זיי א גרענעץ געמאכט און געצוואונגען ביי מיר
אין וואלד אפּצושטעלן זיך. אָבער זיי האָבן מיר גאר

נישט געקאַנט טאָן. און אַלע חכמים פון דער וועלט, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט מיט זייער חכמה פון דעם וואַלד, וואו אַלע חכמות און רעטענישן ווערן מיט די ווינטן געבראַכט, זיינען זיי געקומען אהער מערער חכמות צו לערנען און וויסן, און מיין וואַלד איז אָפן געווען פאַר זיי. ווייל איך האָב דאָס אויך געוואָלט. איינמאָל זיינען געווען זיבן חכמים אין זיבן לענדער, און יעדער האָט געקיניגט איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, אָבער איינער האָט ניט געוואוסט פון דעם צווייטן. זיינען זיי איינמאָל געקומען צו מיר אין וואַלד פון זיבן וועגן און דאָ האָבן זיי זיך געטראָפן אַלע צוזאַמען צום ערשטן מאָל. זייער שמחה איז געווען גרויס און מיין שמחה אויך. און זיי האָבן געלערנט חכמות איינער פון צווייטן, ביז זיי האָבן אַלע חכמות אויסגעלערנט, און זיי האָבן שוין געוואָלט פאָרן אַהיים, צוריק צו די זיבן וועגן פון וואַנען זיי זיינען געקומען, דאַמאָלסט זאָגט איין קיניג: —

דאָ האָט זיך ווידער דער בעטלער אָפּגעשטעלט און נאָך אַמאָל געבעטן דעם קיניג ער זאָל אים לאָזן וואַרטן ביז מאָרגן, צו דערמאָנען זיך ווייטער די געשיכטע. און דער קיניג האָט געענטפערט:

— ווייל דיין מעשה'לע איז די שענסטע פון אַלע וואָס איך האָב געהערט, און דיינע וואונדער זיינען די גרעסטע פון דער גאַנצער וועלט, דעריבער וועל איך דיך לאָזן וואַרטן. אָבער מאָרגן זאָלסטו קומען פריער, גלייך מיטן מאָרגנשטערן, וועסטו קענען מערער דער־ציילן.

דעם פינפטן טאָג איז דער בעטלער געקומען גלייך

מיטן מאָרגנשטערן. און ער איז אָנגעקליידט געוואָרן אין פּורפּור קליידער, ווי איינער פון פּאַלאַץ, און דער קיניג מיט זיינע ווייבער האָבן אים גאַרניט דערקענט. און זיי האָבן זיך זייער געפרייט, ווען ער האָט ווייטער דערציילט:

— איצט, ווען מיר צעשיידן זיך אויף זיבן וועגן, זאָל יעדער איינער פון אונדז אָנשרייבן די שענסטע חכמה פון זיין קיניגרייך אין זיין שפּראַך, מיט דער טינט פון זיין לאַנד, און געבן זיין הערב אויף דעם אַלם אָנדענק. און יעדער איינער פון אונדז זאָל וויסן, וואו עס זיינען די אַנדערע קיניגרייכן און האָבן זייער הערב. האָט יעדער קיניג געשריבן אויף זיין פּאַפּיר זיין חכמה אין זיין שפּראַך און מיט זיין הערב, און איבערגעגעבן עס צום צווייטן. אַזוי זיינען געגאַנגען זיבן פּאַפּירן פון האַנט צו האַנט, און די זיבן קלוגע מלכים האָבן געזען, וואָסערע גרויסע נאַרן זיי זיינען. ווייל קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט צו לעזן דעם צווייטנס שפּראַך, און קיינער פון זיי האָט ניט געהערט אפילו פון אַזאַ הערב און אַזאַ קיניגרייך. האָבן זיי שוין ניט געוואָלט אַהיים פאָרן, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט מיט זייער חכמה, וואָס האָט זיי אַזוי צו נאַר געמאַכט, און זיי זיינען געזעסן און געוויינט אויף זייערע יאָרן וואָס זיי האָבן אַזוי אָפּגעלעבט ניט וויסנדיק וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן. ביז עס זיינען אָנגעקומען די קאַלטע נעכט. און אַז זיי האָבן געזען, אַז זיי דאַרפן שטאַרבן, האָבן זיי מיך גערופן, און אַזוי געזאָגט: — זיי וויסן, אַז זיבן וועגן פירן צו חכמה, און אַלע וועגן פירן ביזן סוף, און אַלע מאָל ווערט געבאָרן אַ גרויסער קיניג וואָס לערנט

אוים אלע חכמות פון דער וועלט מיט אלע אירע שפראכן און רעטענישן, אבער ער איז נאר איין וועג אויסגעגאנגען. מיר וועלן דיר לאָזן די זיבן פאַפירן, וועסטו איינעם האלטן אונטער דיין פליגל און די אַנ־דערע באַגראָבן אונטערן בוים, און אז עס וועט גע־באָרן ווערן דער גרויסער חכם, וועסטו אים שיקן איין בריוועלע, וועט ער זען, און דאָס וועט אים זיינע אויגן עפענען. אַזוי זאָלסטו טאָן זיבן מאָל. דערנאָך זיינען זיי געשטאָרבן איינער נאָכן צווייטן, אין זיבן טעג. ווען דער ווינט האָט געהערט די געשיכטע, איז ער געוואָרן אין כעס און געזאָגט —

דער בעטלער האָט ווייטער ניט געקאָנט דערציילן און האָט געבעטן נאָך אַמאָל, מען זאָל אים לאָזן וואַרטן ביז מאָרגן און דער קיניג האָט געענטפערט:

— דאָס איז א וואונדערבארע געשיכטע און איך וועל זיך קוים דערוואַרטן ביז מאָרגן, איך וועל אַ גאַנ־צע נאַכט ניט שלאָפן. דערפאַר וועל איך באַפוילן מען זאָל דיר געבן א צימער אין מיין פאלאַץ, וואו דו וועסט שלאָפן, און מאָרגן נאָך פארן מאָרגענשטערן וועסטו מיר ווייטער דערציילן.

.6

איז געקומען דער זעקסטער טאָג. דער קיניג האָט א גאנצע נאכט געשריבן זיין ספר קהלת, און זיינע ברעמען ניט צוגעמאכט אויף איין רגע, ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויפן בעטלער. און דער בעטלער האָט דערציילט ווייטער:

— איך וועל ניט רוען, ביז איך וועל די פאַפירן

פון דעם וואונדערפויגל פארטראָגן און אים פון דער וועלט פאריאָגן! איך האָב דאָס געהערט, און אכטונג געגעבן וואס מיט מיר זאל טרעפן. זיינען אזוי אוועק טויזנט זומער צייטן, זעקס פאפירן זיינען נאָך געווען באגראָבן אונטערן בוים און דעם זיבעטן האָב איך אונטער מיין פליגל געטראָגן, פון די טויטע חכמים איז שוין לאנג געווארן שטויב, און נאָך א חכם וואָס זאָל מיין בריוו דארפן קריגן איז דערווייל נאָך ניט געבאָרן געוואָרן. ביז דער נאָמען פון קיניג שלמה האָט גענומען אויפגיין פון מזרח זון ביז מערב. האָב איך אויפגע־הויבן מיין פליגל און גענומען צוגרייטן דעם בריוו וואָס וועט באלד דארפן גיין צום קיניג. קומט אָן א גרויסער שטורעמווינט פון צפון, כאפט ארויס דאָס בריוול און פליט אוועק. דאָס איז מיר געווען טייער ווי מיין לעבן, ווייל איך האָב טויזנט יאָר געוואַרט אויף דעם, און איך בין געווען גרייט צו גיין אויף א זיכערן טויט, אויב איך וועל ניט קענען כאפן צוריק דאָס בריוול. דער ווינט איז געפלויגן צו דעם מדבר און איך — נאָך. דאָרט איז דער ווינט אריין אין א שפאלט פון א שטיין און איך בין געשטאַנען און געוואַרט. די זון ברענט דאָרט ווי הונדערט זונען און קיין שאָטן איז דאָרט ניטאָ, און איך האָב געוואוסט אז איך דארף ווארטן ביי דעם שפאלט פון שטיין ביז נאָך די היצן. איך וואָלט געווים פאר־ברענט געווארן צו אש פון יענער זון. האָב איך געזען דיך פון ווייטן, בין איך צוגעפלויגן, גענומען פיקן, ביסטו געקומען און מיר געהאָלפן. אָן דיר וואָלט איך גארניט געקאָנט טאָן. ווען די היצן זיינען אוועק האָב איך געכאפט דעם ווינט ארויסקומענדיק פון שטיינס

שפּאלט און צוגענומען מיין בריוועלע. אלע ווינטן האָבן מיר נאָכגעיאָגט, און נאָך דרייצן יאָר ראנגלען זיך בין איך געקומען צוריק, ווען דו האָסט גענומען זאָרגן איבער מיר.—ווען איך האָב געהערט די דאָזיקע געשיכטע, האָב איך צום פויגל געזאָגט: איך וועל זיך באלד אומקערן צוריק נאָך ירושלים און אין צייט פון צען זומערס וועל איך זען דעם קיניג שלמה, איז אויב דער פויגל וויל, זאָל ער מיר געבן דאָס בריוול, וועל איך עס ברענגען צום גרויסן קיניג, וועט ער מיר געווים א מתנה געבן. דער פויגל האָט געלאכט: די ווינטן וועלן דיך אין ים'ען וואַרפן, די ווינטן וועלן דיינע ביי־נער צום אָפּגרונט שליידערן און דערנאָך צוריק אויף דעם זאָמד ביים ברעג ים אַרויפּברענגען, ווען זיי וועלן ווּיסן וואָס דו טראָגסט אויף דיין בוזעם. איך וועל עס בעסער דער שטומער טויב פאַרטרויען, און זי קען עס אין בלויז פיר זומערצייטן ברענגען צום קיניג שלמה. נאָר אז דו ווילסט, קענסטו אים די געשיכטע דערציילן, וועט ער דיר א מתנה געבן דערפאַר. דאָס איז דער סוף פון דער מעשה, מיין ליבער קיניג!

האָט שלמה המלך געזאָגט:

— דו וועסט זיין אין מיין פּאלאץ, און עסן פון טיש אלע טעג פון דיין לעבן!

און ער איז אוועק אין זיין צימער און אָנגעשריבן דעם ספר קהלת ביזן סוף. דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן, און אויף דעם דריטן טאָג געשטאָרבן.

געשטאָרבן ווי א נאר.

אַ פיש אין שוך

אַ שוך איז אַריינגעפאַלן פרייטיק אין טייך. איז ער געשוואומען ביז שבת. איז געקומען אַ פיש, וואָס איז געבאָרן געוואָרן שבת, און זיך אריינגעזעצט אין שוך.

— וואוהין פאָרסטו, שוך?
— איך פאָר ביז פרייטיק.
— און איך פאָר ביז שבת.
— גוט. פון פרייטיק ביז שבת איז ניט ווייט. וועסטו קענען צוגיין דעם קורצן וועג.

— גוט.
פאָרן זיי ביז פרייטיק און דאָרט איז שוין געשטאַנען דער מאַן, און געוואַרט אויף זיין שוך.

כאַפּט ער זיין שוך. זעט ער דאָרט דעם פיש.
— ווי קומסטו אַהער, פיש?
— איך גיי ביז שבת.
— נו, קום זשע מיט מיר, וועלן מיר גיין צוזאַמען.
אַזוי האָט ער געבראַכט דעם פיש אויף שבת.

דער אינדיאַנער.

.1

ווען דער זומער איז אריין אין שטאָט, זיינען אַלע גאַסן געווען ווייס פון ליכט, וואָרים די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל מיט אַלע אירע שטראַלן. אַזוי גייט אַרום מאירל, און לאָזט זיך גיין זוכן דעם סוף פון די לאַנגע גאַסן.

אומעטום זיינען דאָ קינדער, און אומעטום שפּילן זיי זיך, ווי נאַרישע מענטשן. מאירל וויל בעסער אַרויסגיין אַהין, וואו די גאַסן מיט די קינדערשפּילן לאָזן זיך אויס: דאָרט צעשפּילט זיך ווייט און ברייט די גאַנצע וועלט, מיט אַלע אירע וואונדער.

שפּילן זיך קינדער אין אינדיאַנער. שמייכלט מאירל:

— איך וועל דאָרט באַלד זען די אמת'ע אינדיאַנער! זיי רייטן אויף פערד! און זייערע פערד קען קיינער ניט כאַפּן, ווייל זיי פליען גלייך מיטן ווינט!

שפּילן זיך קינדער אין פערדלאך, שמייכלט ווייטער מאירל:

— ווי אַזוי קען דען זיין אַ פערד מיט צוויי פיס?

זאָלן זיי אַרום מיט אים, וועט ער זיי ווייזן די אינ־דיאַנער פערדלאַך!

און די הויכע מויערן בלייבן הינטער אים אין די גאַסן, און ער קוקט זיי נאָך, און שמייכלט:

— ניטאָ דאָרט קיין הויכע מויערן, וואָס פאַר־שטעלן אַלץ, וואָס מען וויל זען! און אויף זייער פּלאַץ שטייט דער לאַנגער טענענבוים, און אויף זיינע צווייגן קלעטערט גיך די קליינע, פלינקע חיה׳לע, מיט איר לאַנגן ווײדעלע; יענע חיה׳לע, וואָס וואוינט דאָ אין שטאָט, אין גרויסן גאָרטן, און אַלע וואָרפן איר ניסלאַך צו קנאַקן!

אַזוי טוט אַ קוק מאירל, און דאָ איז שוין דער סוף פון אַלע לאַנגע גאַסן! ער האָט נאָך אַזוינס קיינ־מאָל ניט געזען. ווארים אַ טייכל מיט זילבערנע פישלאַך איז געלעגן נעבן אים, און פון ווייט, פון די אַלע וועגן, זיינען אַריינגעפאַלן אַלע שטראַלן, און זיך געהוידעט אויף די יונגע פישלאַך. איצט ווייסט ער שוין, צו וואָס אַזעלכע לאַנגע גאַסן זיינען! וואָס לענ־גער די גאַס, אַלץ לענגער די שטראַלן, און אַזוי איז ליכטיק דער גאַנצער טייך!

.2

ליגט אויף יענער זייט טייך אַ קליינער, שמאָלער וועג, און אין מיטן וועג שטייט אַ הייזל מיט אַ שטרוי דעכל. קומט אַרוים פון ווייט אַ פויגל, און פּיקט אין שטרוי דעכל, הערט זיך אַ פייף, און פון הייזל קומט אַרוים אַן אינדיאַנער. מאירל זעט עס מיט זיינע

אויגן, ווייל דאָס איז גאָרניט ווייט. און ער הערט יעדן וואָרט:

פויגל פיק,
פויגל פיק!
ווער איז געקומען
זען מיין גליק?
ווער איז געקומען
זען מיין פעלד?
איך וועל אים ווייזן
די גאַנצע וועלט!

מאירל שמייכלט:

— דער פויגל האָט אים אָנגעזאָגט, אַז איך בין געקומען!

דערווייל זעט ער, ווי דער אינדיאַנער קומט צו־פליען רייטנדיק אויף דעם פויגל, און פליט אַריבער דעם טייך, און שטעלט זיך אָפּ נעבן אים.

זאָגט דער אינדיאַנער:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, ווייל איך קען דיך, און ווייס דיין נאָמען אפילו.

— מאירל, מאירל רופט מען מיך! — שרייט אויס מאירל מיט פרייד. ווייל ער האָט זיך גאָרניט געקענט גלויבן, אַז מען קען אים אַזוי ווייט.

דער אינדיאַנער זאָגט נאָך:

— איך ווייס, מאירל, מאירל! דאָס איז אַ שיי־נער נאָמען. און ווען מיר קענען דאָ, וואָלטן אַלע אונדזערע אינגעלאך געהייסן מאירל. נאָר מיר קענען ניט.

האָט געוואָלט מאירל פרעגן דעם אינדיאַנער, פאַרוואָס זיי קענען ניט, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שאָס, און אַ פייל פון בויגן איז געפלויגן און גע־פאַלן אין טייך נעבן זיי.

אַזוי זאָגט דער אינדיאַנער:

— דאָס רופט מען אונדז שוין, זיי וואַרטן. דו זעסט דאָרט, ווי עס קומט אַנטקעגן די גרויסע מחנה? לאָמיר זיך זעצן אויף דעם פויגל, וועלן מיר אַריבער דעם טייך.

רייטנדיק אויף דעם פויגל זיינען זיי אַרויף הויך, ביז צו די ווייסע וואָלקן, וואָס זיינען געלעגן אויסגע־שפּרייט שטיקלאַך, שטיקלאַך זיידענע טישטיכער, און צווישן די טישטיכער האָט מאירל געזען, אַ ווייטן גרי־נעם פעלד. און פון אָנהויב ווייט ביז צום סוף מאַר־שירט אַ לאַנגע מחנה אינדיאַנער, וואָס רייטן אויף פערד, און דאָ און דאָרט רייסן זיך אַרויס טייכן ביי די זייטן פון לאַנגן וועג. און פייגל פליען איבער די טייכן

און איבער דער לאַנגער מחנה אינדיאַנער, און אַנדערע פייגל ציען זיך אַרויף העכער, און קומען צו די וואָלקן און צו זיי. און מאירל פרעגט:

— פאַרוואָס זיינען דאָ די וואָלקן אַזוי צעריסן?

דער אינדיאַנער ענטפערט:

— זיי זיינען געווען גאַנץ אין דער פרי. נאָר די שטראַלן פאַלן דורך, און דערנאָך די פייגל וואָס קומען אַרויף צו זען דעם נייעם טאָג, אַזוי ווערן די וואָלקן צעריסן.

דאָס האָט מאירל ביז אַהער גאָרניט געוואוסט.

קומען זיי אַרונטער. דער פויגל פליט אוועק צו זיינע פייגל, און די מחנה אינדיאַנער שיסן מיט זייערע פיילנבויגן אין ווייטן פעלד אַריין. און דער פעלד הילכט צוריק מיט זייןווידערקול, און קליינע אינדיאַנער קינדער לויפן און קלייבן אויף די פיילן, און דער טומל גייט ביז אין הימל!

זאָגט דער אינדיאַנער:

— דאָס זיינען מיר אַלע אַרויס, צו ווייזן דיר אונדזער ווייטן פעלד, וואָס ציט זיך ביז צום סוף פון דער וועלט! דו זעעסט אונדזערע קליינע הייזעלאַך מיט די שטרויענע דעכער? דאָס איז גאָרניט! מיר וואוינען אַ גאַנצן טאָג אין פעלד, און די הייזעלאַך זיינען נאָר אַ שפּאָס: מען זאָל וויסן, וואו יעדער איינער איז, ווען מען דאַרף אים ניט זען אין פעלד.

באַלד קומט צופליען אַ ווייס פערדל מיט דער שנעלקייט פון ווינט. זיי זעצן זיך ביידע אַרויף, און מיט דער שנעלקייט פון ווינט פליען זיי אַוועק אונטער די

טומלגעשרייען און פיילן פון די אינדיאַנער איבער דעם גאַנצן וועג.

.3

אַזוי ווי זיי פליען מיט דעם ווייסן פערדל אי־בער דעם ליכטיקן פעלד, וואָס איז אַזוי לאַנג ווי די וועלט, זעען זיי אַ הויכן באַרג, באַדעקט מיט גראָז, און אויפן שפּיץ שיינט נאָך אונטער דער זון דער לעצטער טוי, וואָס איז געפאַלן איידער עס איז ליכ־טיק געוואָרן דער הימל. טראַכט מאירל:

— צו דעם באַרג קומען מיר געוויס צו.

קוקט זיך אום דער אינדיאַנער, און שמייכלט צו מאירלען:

— דו האָסט געטראָפן מיט דיין טראַכטן! צו דעם באַרג קומען מיר. און אַז איך וועל דיר זאָגן, ווי מען רופט דעם באַרג, וועסטו ווּיסן, אַז דו ווייסט אים שוין לאַנג!

אַזוי קומען זיי צום באַרג, און ביי די פיס פון באַרג פליסט אַ טייכל, און פון טייכל קומען אַרויס אַפּגעוואַשענע ציגעלאַך און מיט צופרידענע קולות לייגן זיי זיך אוים נעבן באַרג, צו וואַרעמען און טרו־קענען זייער לייב.

זאָגט מאירל:

— איך ווייס ווי דער באַרג הייסט, און איך ווייס שוין לאַנג דעם באַרג, נאָר איך שעם זיך צו זאָגן, טאָ־מער וועסטו לאַכן פון מיר. ווייל איך ווייס, וואו איך בין דאָ געקומען, און דער באַרג איז דאָך —

פֿאַלט אים אַריין דער אינדיאַנער אין מיטן די
רייד:
— דער באַרג חרמון!

שפּרינגט אַרונטער מאירל פֿאַר פֿרייד, און איז שוין אויפֿן באַרג, און קען זיך ניט איינהאַלטן אַ שפּרונג צו טאָן ווי אַ ציג און געשריי:

— דער חרמון! דער חרמון! איך האָב דאָך געלערנט אין חדר אַלצדינג וועגן דעם שיינעם באַרג, און איך האָב אים גלייך דערקענט! אָבער דאָ איז דאָך ניט ארץ ישראל. ווי קומט ער אַהער?

.4

דאָ גייט אַרונטער דער אינדיאַנער פֿון פֿערד און גיט אים אַ פּאַטש, פֿליט דער פֿערד אַוועק צוריק אויף זיינע טריט, און פֿאַרשווינדט מיט דער שנעלקייט

פון ווינט. און דער אינדיאַנער זעצט זיך נעבן מאירלען אויפן באַרג און זאָגט, ווייזנדיק צו דעם מזרח:

— דאָרט איז ארץ ישראל, און דאָ איז דער באַרג חרמון. און דאָ פאַנגט זיך אָן די גאַנצע געשיכטע. זיי ווייסן, מאירל, אַז דער באַרג וואָס שטייט דאָ, און דו זעסט זיין שפּיץ און דעם טוי וואָס גלאַנצט אויף זיין קאָפּ אונטער דער זון, אַז דער באַרג ווערט אין מיטן דער נאַכט אַזוי הויך, אַז קיינער קען ניט זען זיין סוף. און דער באַרג קוקט דעמאָלט אַרויס, און זעט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. און אַמאָל וועסטו, מאירל, אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט, און זען דעם גרויסן באַרג, וועסטו אים שוין דערקאָנען. אָבער אַז דו וועסט דערציילן אויף מאָרגן דיין טאַטן, וועט ער זאָגן —

פאַלט מאירל אַריין:

— ער וועט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ חלום!

דער אינדיאַנער שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— יע, אַ חלום. אָבער דער באַרג איז קיין חלום ניט. דער באַרג חרמון דאָרט, און דער באַרג חרמון דאָ. דאָס האָבן אונדזערע זיידעס געמאַכט דעם באַרג מיט זייערע אייגענע הענט. און דאָ זיינען זיי אַרויף אַלע פאַרנאַכט אין דער הויך, צו זען, צי עס קומט ניט פון ערגעץ אימיצער, וואָס דאַרף זיי אויסלייזן פון דאַנען. ווייל אונדזערע זיידעס זיינען געווען —

פאַלט ווידער אַריין מאירל אין מיטן די רייד, מיט אַ געשריי:

— אידן?! און איר זענט דערנאָך געוואָרן גוים? גוים?

ענטפערט דער אינדיאַנער, און זאָגט:

— ניין, מאירל, כאַפּ ניט אַזוי אַרויס מיינע ווערטער פון מויל, נאָך איידער איך וויל זיי זאָגן. זיי זיינען געווען אידן. דו ווייסט וואויל, מאירל, אַז צוועלף שבטים זיינען די אידן געווען. ווייסטו אויך די מעשה פון די צען שבטים?

— איך ווייס! איך ווייס! — שרייט מאירל, און וואונדערט זיך. — זיי וואוינען דאָך אויף יענער זייט סמבטיון!

ענטפערט דער אינדיאַנער:

— יע; און מיר, די אינדיאַנער, קומען עס פון דאָרטן.

מאירל רוקט זיך צו נענטער, קוקט זיך גוט איין אין דעם אינדיאַנער, און שלינגט יעדן וואָרט. און דער אינדיאַנער דערציילט:

— ווי אַזוי מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן צום סוף פון דעם עק וועלט ביז אַריבער דעם סמבטיון, ווייסטו דאָך. דערנאָך האָבן מיר געהערט, אַז די אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק צו זייער לאַנד פון בבל און פרס און מדי. אונדזערע הערשער האָבן אָנגעטאָן קייטן אויף אונדזערע פיס, מיר זאָלן ניט קענען אַנטלויפן, אָבער מיר האָבן צעריסן די קייטן, און זיך צעלאָזן, ווי פרייע קוואַל-וואַסער אויף די וועגן, צו יענעם זייט, וואו די זון גייט אויף אין פרימאָרגן. זיינען געקומען אנטקעגן אַלע ווינטן, און די וועגן זיינען פאַר אונדזערע אויגן פאַרשאָטן געוואָרן. בעכן טרערן זיינען דערנאָך געפאַלן, און וואָלקן זיינען געהאנגען ביז נאַכט, און מיר האָבן ניט געקענט זען די

זון ביי איר קומען און אוועקגיין. דורות נאָך דורות זיינען אין מדבר אויסגעשטאָרבן, און מיר, די קינדער און אייניקלאַך, זיינען געגאַנגען און געגאַנגען, געבלאָנדזשעט און געבלאָנדזשעט, און ווען די טאַטעס זיינען געשטאָרבן, האָבן די קינדער געהערט איין לעצט וואָרט:

— מזרח! —

— וויפיל געשיכטעס מיר האָבן זיך דאָס אָנגעהערט, און וויפיל טרערן מיר האָבן דאָס צוגעזען, פאַלן שווער אויף דעם מדבר זאַמד, פון דעם שיינעם מזרח! מאירל, ווען דו וועסט גרויס ווערן, און זען אמאָל דעם מזרח מיט זיינע בערג, דערצייל דאָס אים!

מאירל זאָגט צו:

— איך וועל דערציילן, אַלץ וועל איך דערציילן!

5.

און דער אינדיאַנער דערציילט ווייטער זיין געשיכטע:

— זיינען מיר געקומען צו דעם פּלאַץ וואו איצט איז דער גרויסער פעלד, וואָס דו זעסט. איז געוואָרן קלאָר דער הימל, און דער מאָרגנשטערן האָט דעמאָלט זיך אַרויסגעשפּאָלטן פון אַ שווערער, פינצטערער נאַכט. מיר זיינען געפאַלן אויף אונדזערע קני אין געבעט, און אָפּגעגעבן אַ דאַנק דעם שיינעם טאָג, וואָס קומט צו אונדז. און דער עלטסטער פון דער מחנה איז אַרויף אויף אַ גרויסן פעלז, און געזאָגט:

— מיר קענען ווייטער ניט גיין, ביז וואַנען מיר וועלן ניט זען קיין צייכן אַז מיר קענען ווייטער גיין.

אַלע ווענן האָבן ניט געלאָזן קיין טריט אָוועקשטעלן, און מיר האָבן גאַנצע דורות אַנטקעגן געוואָרפן. מיר האָבן געזיגט. און איצט זאָל קומען דער אויסלייזער, וואָס זאָל אונדז ווייטער פירן. ווייל אַלץ, וואָס מיר האָבן געדאַרפט טאָן, האָבן מיר געטאָן!

— אַזוי איז געשטאָרבן דער אַלטער, נאָכדעם ווי ער האָט צום ערשטן מאָל געזען די זון אונטער־גיין צום מעריב. און ער האָט געבעטן, מען זאָל אויף זיין קבר אויפשיטן אַ גרויסן באַרג, און פון דעם באַרג זאָל מען אַלע פאַרנאַכט אַרויסקוקן אין וויט־וועלט אַריין, צי קומט ניט ווער פון מזרח אונדז אויסצולייזן.

— האָט עס ווידער געדויערט אַ דור, וואָס רופט זיך ביי אונדז דער גאָלדענער דור, ביז וואַנען דער באַרג איז אויפגעשאָטן געוואָרן, און וויט, ביז וויט צום סוף וועלט, איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער גרויסער פעלד. יענע שיינע נעכט ווערן ביי אונדז אין לידער באַזונגען, ווייל אַ לאַנד האָט דעמאָלט אויסגעשפּרייט פאַר אונדזער אויג אַ טרייסט, א לאַנד מיט אונדזערע הענט געצערטלט און דערצויגן. און דער באַרג האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אויסגעצויגן אין מיטן דער נאַכט אַזוי הויך, ביז איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי אַלע נאַכט, ביז צו היינטיקן טאָג. און מיר האָבן געזען א צייכן,* אַז מיר דאַרפן דאָ וואַרטן, אויף אונ־דזער ניי לאַנד. אזוי האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן דעם באַרג: חרמון, און אַזוי זעען מיר אַלע מאָל אין דעם באַרג די געשטאַלט פון באַרג חרמון, אַזוי ווי מען האָט אונדז דערציילט פון זיידע צו אייניקל אין די לאַנגע דורות פון וואַרטן און האָפן.

זאָגט מאירל:

— פאַרוואָס קומט איר ניט אין אונדזערע גאַסן צו דערציילן אַלעמען ווער איר זענט; און פאַרוואָס ווייסט קיינער ניט, ווער און וואָס איר זענט, און וואָס איר ווילט; און פאַרוואָס זענט איר דאָ אַליין, ווען מיר זיינען אַזוי נאָענט צו אייך; און פאַרוואָס ווייסט איר אַלץ, ווען מיר ווייסן גאָרניט; און פאַרוואָס זענט איר גאָר אַנדערש ווי מיר; און פאַרוואָס —

דאָ האָט אים אָפּגעשטעלט דער אינדיאַנער, און געענטפערט:

— מאירל, פרעג ניט קיין סך, ווייל דו ביסט נאָך יונג, און דו קענסט נאָך גאָרניט ווייסן און פאַרנעמען, אַפילו ווען איך זאָל דיר אַלצדינג אויסזאָגן, ווייל דיין קעפּעלע איז אַזוי קליין. דערווייל קומט שוין דאָרט אונדזער פויגל, און מיר וועלן זיך זעצן און נעמען אַ פלי, וועל איך דיר ווייזן די גאַנצע וועלט, אַזוי ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט.

6.

איז געווען פונקט ווי אַ נייע טוי וואָלט געפאַלן, און מאירל האָט זיך געפילט אָפּגעפרישט און אויפגעלעבט. דער פויגל איז שוין געשטאַנען נעבן זיי פּיקנדיק צווישן זיינע פיס, און קוקנדיק מיט געשווינטע אויגנבליקן צו זיי. דערנאָך האָט זיך אויסגעשפּרייט דער הימל קלאָרער ווי פריער און ליכטיקער, און דער פויגל האָט אויפגעהויבן זיינע פליגל און געשניטן אַ וועג אין ווייסער וועלט אַריין.

גיך און געשווינד האָבן זיך געדרייט אונטער זיי

ווינטמילן און פעלדער. און גיך האָבן זיך געוויקלט אונטן טעג און נעכט, און זיי זיינען אזוי לאַנג און אויך אַזוי שנעל געפלויגן, אַז מאירל האָט מיט זיינע אויגן געזען אַ סך טעג און אַ סך נעכט שוועבן פאַר־ביי נעבן זיי. און זיי יאָגן זיך צוריק צו יענע גאַסן, פון וואַנען ער קומט. דאָך איצט ניט לאַנג! אַזוי זיינען זיי ביידע געפלויגן אפשר זעכציק טעג מיט זעכ־ציק נעכט. און אונטן האָט זיך אַלץ געשפּרייט דער איין שיינער, לאַנגער, גרינער פעלד, מיט די אינדיאַ־נער און זייערע פערדלאַך, און די שטרויענע דעכער און די הייזלאַך, און וואָס ווייטער אַלץ מער און מער האָט זיך געוויקלט דער זעלביקער פעלד. וואונדערט זיך מאירל:

— וואו זיינען אויסגעשטאָרבן אַלע ים׳ען און אַלע לענדער? ער האָט שוין געוואָלט זען אַ ים מיט שיפן, און אויך —

קוקט זיך אום דער אינדיאַנער צו אים, און שמייכלט:

— אָט איז דיר דער ים! דו זעסט שיפן גייען? וואוהין מיינסטו גייען זיי?

מאירל קוקט, און וויל טרעפן:

— זיי גייען וואו מיר גייען!

דער אינדיאַנער לאַכט:

— אָבער דו ווייסט דאָך, וואו מיר גייען!

מאירל פאַרטראַכט זיך:

— איך ווייס ניט.

אינדיאַנער לאַכט מערער:

— אָבער דו ווייסט דאָך, וואוהין דו ווילסט גיין ? !

לאַכט מיט מאירל :

— פון וואַנען ווייסטו דען, וואוהין איך האָב געוואָלט ?

אינדיאַנער ענטפערט :

— זעסט דאָך !

קוקט זיך איין מאירל צו די שיינע שיפן, וואָס זילבערן זיך אונטער אַ פולער ליכטיקער לבנה. אַלע שיפן זיינען אַזוי באַלויכטן, ווי צו אַ חתונה, און זיי שיפן זיך אַזוי גיך, אַזוי ווי זייער פויגל פליט גיך. זאָגט מאירל :

— איך האָב גאָר געוואָלט ירושלים !

און אינדיאַנער ענטפערט :

— אָט איז ירושלים !

טוט זיך אַ יאָג דער פויגל, און מיט איין טראָג איז ער שוין אויף דעם ברעג פון ים. און אַלע שיפן, מיט טראָמפייטן און געזאַנג, זיינען שוין אויך ביי דעם ברעג. די לבנה פאַרשווינדט, און אויך דער פויגל. עס איז פינצטער אַרום, און זיי שטייען נעבן ים, און אייבער זיי איז גאָר קיין הימל ניטאָ. רוישט עס און טומלט זיך אין ים, און פון די שיפן קומען און קומען אַזויפיל מענטשן, ווי דאָס זאַמד ביי דעם ים. און זיי טראָגן אַזעלכע גלאַנציקע גאָלדענע און זילבערנע זאַכן, אַז עס בליצט אַלע מאָל פון ליכטיקייט. און טאַצן און פויקן קלאַפּן צו אַלע ווייל. און מאירל שטייט און קוקט, און ווייסט ניט וואָס ער זעט.

פרעגט ער :

— זאָג מיר נאָר, אינדיאַנער! עס איז גאָר ניטאַ קיין הימל, און איך ווייס גאָרניט וואָס דאָ איז? איך וויל ירושלים, און דעם כותל מערבי, און דעם בית המקדש, און אַלצדינג!

ענטפערט אינדיאַנער:

— יאָ, ריכטיק, דאָס ווילסטו, און די גאַנצע וועלט וויל דאָס. אַלע שיפן זיינען פול, אַלע אידן זיינען דאָ, און באַלד ווערט פאַרטיק ירושלים מיט דעם בית המקדש. אָבער אונטער דעם אַלטן הימל קען דאָס ניט זיין. ווערט איצט אַ נייער הימל געמאַכט.

.7

קוקט מאירל אַרום זיך און שטוינט. אונטער זיינע פיס וויקלט זיך עפּעס אַוועק, און אַ נייע וועלט ווערט. און ווי אַזוי דאָס איז, קען ער ניט פאַרשטיין. אַלץ אַרום באַוועגט זיך, און ער וואָס שטייט און ווייסט דאָך ניט וואו ער שטייט און וואָס ער זעט. אויך ער באַוועגט זיך עפּעס. און גרויסע שווערע וועלטן פאַלן אין ים אַריין, און נייע, גרעסערע און שווערערע וועלטן וויקלען זיך און קומען אַרויס, און אויך ער קומט פון ערגעץ אַרויס, אין די וועלטן מסתמא. און אָט פאַלט אַרוים אַ גרויסע ליכט, וואָס איז זיבן מאָל אַזוי די גרוים ווי די ליכט פון דער זון, אָבער עס איז דאָך נאַכט, ווייל די שטערן וואָס הענגען אויף אַ נייעם זילבער-קלאָרן הימל זיינען דאָך אַזוי פיל איבער זיין קאָפּ, ווי אין אַ סוף חודש. דערנאָך ליגט נאָך אויסגעשפּרייט צו זיינע פיס אַזאַ שטאָט פול מיט יום טוב! און אַלע אידן איילן מיט געזאַנג אהין,

וואו עס שיינט אַרוים דער בית המקדש אויף דעם באַרג אין מיטן שטאָט. און פון דאָרט קומט געזאַנג, און אַהין גייט געזאַנג. און אידן קומען צו און פרעגן:

— וואָרום גייען מיר דען ניט צום באַרג ציון?

מאירל ווייסט טאַקע ניט, פאַר וואָס ער גייט ניט. ער און אַלע גייען. דער בית המקדש איז גרוים און ליכטיק, און אַלע אידן פאַלן אַהין אַריין, אין דעם גרויסן בית-המקדש-ליכט. און וואָס דאָרט איז צו זען, דאָס האָט קיין אויג ניט געזען, דאָס האָט מאירל גע־שלונגען ווי אַ הונגעריקער, און דאָס האָט מאירלען איינגעשלונגען!

אויף דעם פאַפיר טאָר מען דאָס ניט אויפשרייבן, יענע וואונדערלאכע זאַכן!

זאָגט דער אינדיאַנער:

— מאירל, גרייט זיך צו. עס קומט שוין דער סוף פון דער גרויסער נאַכט.

כאַפּט זיך אויף מאירל, און דערמאָנט זיך עפּעס, און שרעקט זיך.

— וועל איך שוין באַלד צוריק אַוועק צו יענע לאַנגע גאַסן?

אינדיאַנער ענטפערט:

— אַזוי זאָגסטו, אַזוי וועט זיין.

מאירל פאַנגט אָן ציטערן, ווי די גרויסע ליכט וואָס לעשן זיך. אַזוי זינקט די ליכטיקייט נעבן זיינע פּיס, און ער האַלט זיך אָן פעסט אין דעם אינדיאַנער, ער זאָל ניט פאַלן.

קומען ווינטן, און עס פייפט אַ פינצטערניש פול מיט שרעק, נאָר דאָרט אין אַ וויטן ווינקל שפּאַלט

זיך פרימאָרגן אַרוים. דערוויל לויפן קליינע מענ־טשעלאַך ווי מילבן גרוים, און יאָגן זיך, און טראָגן אַוועק ברעקלאַך פון אַלץ ארום אים. יעדער איינער מיט אַ זאָמדל, מיט אַ שטיינדל, מיט אַ פינטעלע ליכט, און אַלע לויפן זיי אין ים אַריין. ניטאָ הימל, ניטאָ וועלט. אַלץ איז צעברעקלט אין שטויב נעבן זיינע פיס. און ים איז פול. די גאַנצע וועלט, דערנאָך פוסטקייט, דערנאָך פינצטערניש, וואָס צעשרייסט זיך דאָרט, ביי דעם סוף וועלט, וואו עס קומט אָן אַ פרי־מאָרגן. און אינדיאַנער זאָגט:

— זאָל ווערן טאָג, וועט ווערן ליכטיק.

מאירל האַלט זיך צו פעסטער און פרעגט:

— וואו איז דער פויגל?

אינדיאַנער ענטפערט גיך:

— אָט איז ער!

.8

קומט אַרוים דער פרימאָרגן ביז אין מיטן הימל, און פון פרימאָרגן קומט אַרויס דער פויגל און קלאַפט מיט זיינע פליגל נעבן זיי. גיך זעצט אַרויף דער אינ־דיאַנער מאירלען און זיך, און ווי נאָר זיי הויבן זיך אויף, אַזוי הערט מאירל אַ בראַזג אין ים, ווי עס וואָלט די גאַנצע וועלט צעברעקלט געוואָרן, און אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

מאירל האָט מורא צו קוקן. מאַכט ער צו די אויגן, און זיינע ציינער קלאַפן, און אים דאַכט זיך, אַז אויך דער אינדיאַנער ציטערט. פליען זיי אַזוי אַ לאַנגע צייט, און ער מיינט, עס וועט שוין קיינמאָל קיין

סוף ניט נעמען. ער וועט וואַנדערן אייביק מיט צוגע־מאַכטע אויגן.

טוט אים אַ ריר אָן דער אינדיאַנער און זאָגט:

— אָט איז דער סוף פון דעם ים. און איצט זיינען מיר צוריק אויף אונדזערע וועגן.

טוט ער אָן עפן די אויגן, און ער פילט זיך אַזוי שווער. אונטן פאַלן צו די שיפן מיד צום ברעג, און אַ מחנה אידן אָן אַ סוף ציען זיך מיט אַ סך לאַנגע וועגן. און מאירל קוקט, און עס קומט אים אויס באַ־קאַנט די זאַך, אָבער ער האָט דאָך דאָס קיינמאָל ניט געזען. פרעגט ער:

— וואו זיינען אונדזערע וועגן פון פריער?

אינדיאַנער ענטפערט, נאָכטראַכטנדיק:

— אונדזערע וועגן פון פריער — —

אָבער מאירל קוקט אויף אַלע וועגן, און וויל עפּעס פרעגן. פרעגט ער:

— וואו איז דיין גרויסער פעלד, וואָס איז דאָך אַזוי גרויס ביז צום סוף וועלט?

און אינדיאַנער קוקט אויך, ווי מאירל, אויף די ווייטע, גרויסע וועגן, און וויל ענטפערן. ענטפערט ער, ניט ווייסנדיק:

— וואו איז ער?

רייסט זיך אַ טאָג אַוועק גיך צו די וועגן. אַזוי זעט מאירל די ליכטיקע וועגן, ווייט און ווייטער ביז אַרויף. פאַלט נאַכט און הימל־שוואַרץ און פינצטער צו, לויערן דאָרט אַרויס בערג מיט בערגלאַך, און ער ווייסט ניט, צי זיינען דאָס די מחנות אידן, צי בערג פון זאַמד און שטיין. פרעגט ער:

— וואו איז דען דער באַרג? אָט דער באַרג חרמון וואָס קומט נאָך האַלבע נאַכט און הויבט זיך אויף ביז איבער דער גאַנצער וועלט?

דאָ כאַפּט זיך אויף דער אינדיאַנער, און דערמאָנט זיך אַלצדינג. ציט ער אויס זיין האַנט און דערלאַנגט ביז צום סוף פון אַלע וועגן, וואָס ציען זיך אונטן פול מיט אידן, און דאָרט ווייטער, ביז נאָך דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט, און ביז צום סוף הימל. און מאירל וואונדערט זיך, ס׳אַ לאַנגע האַנט אינדיאַנער האָט! און ער הערט:

— דאָס איז אונדזער צווייטער וועג, מאירל.? און מיט יענעם ערשטן וועג קען מען צוריק ניט גיין.

.9

פאַלט אראָפּ אַ גרויסער טרער פון אינדיאַנערס אויג, און מאירל הערט, ווי דער טרער טוט אַ באַך אַרונטער, און ווערט גלייך אַ גרויסער טייך.

פרעגט מאירל:

— וואָס וויינסטו דען, אינדיאַנער?

אַזוי ענטפערט אינדיאַנער:

— דאָס איז מיין טרער פון גרוים פרייד. ווייל מיר וואַרטן אַלע אויף דעם טאָג, ווען מיר פאַנגען אָן דעם ערשטן וועג און ענדיקן אים ביז צו זיין סוף; און דערנאָך, אַז מיר קומען צוריק מיט דעם צווייטן וועג, דאַרפן מיר שטאַרבן: ווייל מיר האָבן געזען דעם סוף פון ערשטן וועג.

מאירל פאַרטראַכט זיך, און זאָגט:

— און אַז דו וועסט ניט וועלן צוריקקומען?

לאָמירביידע דאָ אַראָפּגיין מיטן פויגל אין מיטן וועג, וועסטו בעסער לעבן.

ווייזט אים אינדיאַנער זיין גרויסע האַנט, ווי זי איז אויסגעשפּרייט ביז אַהין, וואו עס איז סוף אַלע וועגן און ווייטער, און ער זאָגט:

— דאָרט איז מיין היים. ווילסט אַ היים, צי ניט, מאירל?

מאירל זאָגט גיך:

— יע, איך וויל!

ענטפערט אינדיאַנער אויך גיך:

— אָט איז זי דאָרט! און איך וויל אויך, אַזוי ווי דו, ווייל מיין האַנט איז אַזוי ווייט.

אַזוי זעט מאירל מיט זיינע אויגן, ווי דער אינדיאַנער שאַרט אַוועק דאָרט ווייט אין עק וועלט די שוואַרצע, פינצטערע הימלען, און ער וויקלט אַרויס טאָג, מיט ליכט, מיט ווייסע, ווייטע וועלט, וואָס ציט זיך און דערלאַנגט שוין באַלד צו זיי. און פון אונטן, אַלע וועגן מיט אַלע אידן אין דער פינצטערניש וויקלען זיך אַריין אין די טייכן און פאַרשווינדן מיט די טייכן און מיט דער פינצטערניש. און שיפן פאָרן אָפּ ערגעץ מיט פייפן און רויך. און אַז דער רויך פאַרשווינדט, זעט מאירל, אַז דער טאָג ליגט שוין נעבן זיי.

זאָגט אינדיאַנער:

— אָט איז דער אָנהויב פון טאָג, און אָט איז דער טייך!

קומט דער פויגל און לאָזט זיך אַראָפּ אויף יענער זייט טייך. אַזוי ווערט באַלד קליין און קלענער אינ-

דיאַנערם האַנט, ביז זי ווערט שוין ווי געוויינלאַך. מאירל קומט אַראָפּ אויף דער ערד און זעט מיט זיינע אויגן, ווי דער טייך מיט זיינע זילבערנע פישעלאַך כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. אלע הייזעלאַך מיט די שטרויענע דעכער שלאָפן נאָך, און דער גאַנצער לאַנגער פעלד שלאָפט נאָך.

און אינדיאַנער זאָגט:

— איך וועל זיך נאָך אויך אַ ביסעלע צושפּאַרן. אָבער פריער וועל איך הייסן דעם פויגל, וועט ער דיך צוריק אריבערטראָגן דעם טייך.

קומט גלייך צו דער פויגל, און מאירל פליט שוין צוריק אַריבער. אלע זיינע באקאַנטע וועגן קומען אים אנטקעגן, מיט אַ נייעם טאָג אין די אויגן. אָבער ער קוקט, ווי דער פויגל פליט צוריק אריבער צום אינדיאַנער, און אינדיאַנער שטייט אין טיר פון זיין הויז, און פויגל פליט אַרויף, און פּיקט אין שטרוי־דעכל, און מאירל הערט ווי דער אינדיאַנער זאָגט ביי זיין טיר:

פויגל פּיק,
פויגל פּיק!
מאירל גייט
אַהיים צוריק.
זאָל ער ווּיסן:
די גאַנצע וועלט,
איז אַזוי ווי
אים געפעלט.
זאָל ער ווּיסן,
טויזנט וועגן,

זיינען דאָ פון
זיינעטוועגן.
פויגל פיק!
גיי צוריק!

קוקט מאירל פאַרטראַכט, און פאַרגעסט זיך, וואו ער איז אויף דער וועלט. אַזוי וועבט זיך פאַר מאירלען שטיקעלאַך פון אַ וועלט וואָס ער האָט געזען, אָדער וואָס ער דאַרף זען. און אַזוי גייט ער זיך, און ווייסט גאָרניט, אַז ער קומט שוין אַ היים.

און דאָ איז שוין אין מיטן טאָג, אין מיטן גאַס, קינדער שפּילן זיך, און מאירל זעט, און ער לאַכט:

— זיי ווייסן גאָרניט. און דאָרט איז דער סוף פון אַלע גאַסן. און דאָרט ווייטער איז דער סוף פון דער וועלט. און דאָרט איז גאָר נאָך אַ סוף. און נאָך. און טויזנט וועגן.

ליד פון זומער לעב.

אינגעלאַך, רינגעלאַך, קייקל אַ קייקל.
מיידעלאַך, ריידעלאַך, ראָד.
מוזיקע שפּילט. פּייקלט אַ פּייקל.
אין גרין פאַרשפּרייט אַ סאָד.

פייגעלאַך. רגע׳לאַך, אייגעלאַך. בליק.
טאַנצן אריין און טאַנצן אַרויס.
ווער קומט אַהער, דער האָט דאָס גליק.
זומער־לעבם ליבשאַפט איז גרויס.

ברויט מיט פוטער מיט זאַלץ

איך קען אַ מענטש אַ בעקער,
באַקט ער ברויט מיט פוטער.
וואָס מער די צאָל פון פלעקער,
מער איז דער ברויט אַ גוטער.

פלעקער קומט פון וואַלד אַ וואָגן.
אין וואַלד איז ביימער. דאָס אַלץ.
דאַרף מען ביימער שניידן, טראָגן.
באַקט זיך ברויט מיט פוטער מיט זאַלץ.

זאַלץ איז ערגעץ אין אַ ים וואַסער.
צום טרינקען ניט אַזאַ גוטער.
ווערט טרוקן דער וואַסער דער נאַסער,
איז ער גוט צום ברויט מיט פוטער.

די ערשטע נאַכט אין אַמעריקע.

זיצט מאירל אויף זיין געלעגער נעבן טאַטן און קען ניט איינשלאָפן. ער וויל זען ווי די גאַסן פון דער שטאָט ניו יאָרק גייען שלאָפן.

און די גאַסן ליגן אָנגעשפּאַרט מיט זייערע שוואַרצע שטערנס אויף די פענצטער און קוקן אַריין אין דער פינצטערניש, צי מאירל שלאָפט שוין. ווייל זיי קענען ניט גיין שלאָפן, איידער אַלע מענטשן מאַכן די אויגן צו. וואַרטן זיי אויף מאירלען, ער זאָל איינשלאָפן.

ליגט די נאַכט שווער און שווערער, און מאירלס אויגן פאַלן באַלד צו. וויל מאירל צושליסן די אויגן אויף אַ ווײלע און זאָלן אַלע גאַסן זען:

— איך שלאָף שוין! איך שלאָף שוין!

אָבער די גאַסן זעען דאָך אַפילו אין דער גרעסטער פינצטערניש. און אַז זיי וועלן הערן, אַז ער זאָגט אַ ליגן, וועלן זיי קומען אין מיטן דער נאַכט אים שטיקן.

— טאַטע! איך וויל שלאָפן!

— שלאָף, שלאָף, מאירל!

אָבער מאירל וויל ניט איינשלאָפן, איידער ער

וועט ניט זען ווי די לאַנגע גאַסן גייען דאָ שלאָפֿן. און די אַלע גאַסן שטופּן זיך צום פֿענצטער און בעטן זיך: שלאָף, שלאָף, מאירל! און ער חזר'ט זיך אַליין אין קאָפּ און מיטן מויל זאָגט ער דאָס ניט:

— איך שלאָף, שלאָף שוין!

קוקט ער מיד אין דער פֿינצטערניש און די אויגן פֿאַלן צו און עפֿענען זיך, פֿאַלן צו און עפֿענען זיך. פֿאַנגט אָן די פֿינצטערניש צו דרייען זיך אַ ראָד, שנעל און שנעלער, ווי אַ ווינטמיל, און ער קען עס שוין מיט די אויגן ניט כאַפּן! פֿאַלט אַ מידקייט אויף די ברעמען, און זיין קאָפּ זינקט מיט אַ קראַך אויף אַ שווערן שטיין אַראָפּ. און באַלד פֿאַנגט אָן דער טאַטע פֿון די גאַסן צו זינגען מיט אַלע גאַסן קריאת שמע צו־זאַמען:

בשבתך
בביתך
ובלכתך
בדרך! — — —

דערנאָך טוט זיי דאָרט דער טאַטע אויס די זאַכן און הענגט זיי אויף אין דער פֿינצטערניש. און אַלע גאַסן קייקלען זיך אַוועק אין ים אַריין שלאָפֿן, ביז מאָרגן.

אינגל אָן אַ האַרץ.

איך האָב אַ מעשה
פון ציגעלע־ווייסע,
הינטעלע־שוואַרץ,
און אינגל אָן אַ האַרץ.

צוויי קאַנאַריקלאך זיינען געפלויגן אין דער פרי.
האָבן זיי געזען אַ קו. זאָגט די קו:
— מע!
דאָס מיינט אויף בהמה־לשון: גוט מאָרגען!
ענטפערן די קאַנאַריקלאך:
— גוט יאָר!
זאָגט צוריק די קו:
— מע־מע!
דאָס מיינט אויף בהמה־לשון: וואָס יאָגט איר זיך?
ענטפערן די קאַנאַריקלאך:
— מיר האָבן ניט קיין צייט.
מיר דאַרפן פליען ווייט.
דאָרט, ווייט, און באַלד,
שטייט גרייט שטיל אַ וואַלד.
זאָגט ווייטער די קו:

— מע! — מע! — מע!

דאָס מיינט אויף בהמה־לשון: זעצט זיך צו אַ ביסעלע.

ענטפערן די קאַנאַריקלאַך:

— דאָס וועלן מיר דיר טאַקע יע צוליב טאָן, ליבע קו.

זעצן זיי זיך. קומט אַרוים די ציג. זאָגט זי ציקלדיק:

— קאַנאַריקלאַך, שיינע,
אַ ציגעלע ווייסע
וויל הערן אַ קליינע
לידעלע־מעשה.

ענטפערן די קאַנאַריקלאַך:

— ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
רויטע פּאַמעראַנצן.
הערט זיך צו אַ לידעלע,
וואָס מיר גייען טאַנצן!

זעצט זיך די קו אויף דעם גראָז, זעצט זיך די ציג און רייבט זיך די נאָז. און זיי ביידע האָבן גאָר ליב צו הערן קאַנאַריקלאַך זינגען. ערשט עס קומט אַרוים אינגעלע אָן אַ האָרץ, מיט זיין הינטעלע שוואַרץ.

קיינער האָט אים ניט באַמערקט. ווייס איך ניט, צי זיינען זיי געוועזן פאַרנומען, און האָבן ניט געהאַט קיין צייט, צי האָבן זיי טאַקע פיינט געהאַט אינגעלע אָן אַ האָרץ, מיט זיין הינטעלע שוואַרץ.

אָבער אינגל אָן אַ האָרץ איז שוין געוועזן אין כעס.

— הינטל, זיי ווילן פון אונדז ניט וויסן!
אפשר ווילסטו גאָר אַ גוטן ביסן?
גיך, אין איין אויגנבליק,
צעריים זיי, און צעפליק!

איז געווען אין דער פרי. עס איז געגאַנגען אַ טוי. אין די קלאָרע גרעזאַנגען האָט זיך געוואַשן גרין גראָז און איז געוואָרן לויטער בלוי. און הינטל שוואַרץ האָט פאַרצוקט און צעריסן די קאַנאַריקלאַך צוויי און אינגל אָן אַ האַרץ האָט צוגעקוקט, און צו־געקלאַפּט מיט די פיסלאַך צו זיי:

— אַזוי, אַזוי, הינטל שוואַרץ,
דאָס איז פון זינגער געוואָרן.
אינגל, אינגל אָן אַ האַרץ
וואַרפט אויף זיי זיין צאָרן.

איז די קו אַוועק פון גראָז, און געוויינט אויף איר בהמה־לשון:
— מע! — מע! — מע! — מע!
דאָס מיינט:
— ווי האָט מען דאָס ניט קיין האַרץ!
און ציגעלע־ווייס איז נאָכגעלאָפן, און צוגעציקלט אין אַ קלאָג:
— אַ שלעכטס איז הינטעלע שוואַרץ!

און דאָ איז דער סוף פון דער מעשה,
פון ציגעלע־ווייסע,
פון הינטעלע שוואַרץ,
און אינגל אָן אַ האַרץ.

אַ קו איז געפלויגן

אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך, און געלייגט אַן איי.

איז געקומען פייגעלע, גרוים ווי אַ בעבעלע, און מיט אַ האַקמעסער צעשפּאַלטן די איי. איין האַלב זיך אַנגעבונדן אַרום האַלדז, און די צווייטע האַלב געלאָזן אויפן קוימען.

איז פייגעלע גרוים ווי אַ בעבעלע געפלויגן מיט האַלב אייעלע אויף איר העלדזל, איז עס געפלויגן צוויי טעג מיט פיר נעכט, מיט נאָך אַ טאָג און נאָך צוויי טעג, און איז געקומען קיין בראָד צום יריד.

איז געגאַנגען אַ רבי אויף דעם יריד קויפן אייער. איז פייגעלע גרוים ווי אַ בעבעלע אריינגעשפּרונגען צו אים אין היטל אַריין, און אַרויסגעשריען ווי אַ מכשפה:

געווען איין איי,
געשפּאלטן אין צוויי.
איין האַלב דאָ —
צווייטע איז נישטאָ!

האָט זיך דער רבי דערשראָקן, און געלאָפן אַהיים. פרעגט אים די רביצן:

— וואו זיינען די אייער?
שרייט אוים פייגעלע גרוים ווי אַ בעבעלע, מיטן
קול פון א מכשפה:

גענוען איין איי,
געשפּאלטן אין צוויי,
איין האַלב דאָ, —
צווייטע איז נישטאָ!

איז דער רבי פֿאַר שרעק געוואָרן קראַנק, און אויסגעטאָן זיין היטל, און אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע, און געלייגט זיך אין בעט אַריין.

זיינען די קינדער געקומען אין חדר אַריין, האָבן זיי דערזען, אַז דער רבי איז קראַנק, זיינען זיי אַוועק־געלאָפֿן אַ היים, און די מאַמעס האָבן געגעבן צו דרייער, זיינען די קינדער אַוועק אויף דעם יריד קויפֿן אַ קו וואָס גיט מילך, פֿאַר דעם קראַנקן רבי.

דערווייל איז געקומען די קו אויפֿן דאַך, און גע־פֿונען די איי געשפּאָלטן אין צוויי, האַלב איז נישטאָ, און האַלב איז אויפֿן קוימען.

האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז געווען פֿייגעלע גרויס ווי אַ בעבעלע.

האָט זי זיך אָנגעבונדן די צווייטע האַלבע איי אויף דעם האַלדז, און געגאַנגען, און געמעקעט אַ גע־זאַנג :

אייער איין,
פֿייגעלע קליין,
פֿייגעלע, בעבעלע,
אַוועק צום רבי׳לע.

אַזוי איז געגאַנגען די קו אין די גאַסן, געגאַנגען אין די פֿעלדער, און אַלע האָבן געזאָגט : די משוגענע קו גייט ! ווייל זי האָט געמעקעט אַ ליד.

אָבער די קו איז געווען קלוג, ווייל זי האָט אַלצ־דינג געוואוסט.

איז זי אַוועק אויף דעם יריד, און דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ פֿויער און געוואַרט. האָט ער פֿאַרקויפֿט די קו צו די קינדער פֿאַר דרייצן דרייער.

האָט מען געבראַכט די קו צום רבין אין חדר אַריין. איז געשטאַנען דאָרט פויגעלע גרויס ווי אַ בעבעלע אונטער דעם היטל, און אַרויסגעשריען:

גערווען אַן איי,
געשפּאַלטן אין צוויי,
איין האַלב דאָ, —
צווייטע איז נישטאָ!

איז די קו גלייך אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם טיש, אויפגעהויבן די היטל, צוגעכאַפּט די האַלבע איי, אַרויס דורכן פענצטער, און ניט געוואָרן.

האָבן די קינדער געכאַפּט פויגעלע גרויס ווי אַ בעבעלע, אוועקגעטראָגן צום שוחט. דערנאָך האָט די רביצן געמאַכט אַ סעודה, און אַלע האָבן געגעסן פון פויגעלע גרויס ווי אַ בעבעלע. און דער רבי איז גע־זונט געוואָרן.

— אַ פלעקל אַריין, אַ פלעקל אַרויס
די מעשה לאָזט זיך אויס!

דער ווייסער בער.

א איז אַן אַלטער איד.
ב איז בייזער בער.
אַלטער איד איז מיד.
בייזער בער איז שווער.

ג גייט דער אַלטער איד,
ד דאָרט פון דאָרף אַהיים.
גייט דער אַלטער איד און זעט:
דאָרט אַ בערעלע גייט.

ה הייסט דער אַלטער איד:
ו וואָלף די ווייסע באָרד.
הייסטו וואָלף? פרעגט בערעלע.
ווער מאַכט דיר ווייסע הערעלע?

ז זע נאָר בערלס פלעקן.
ח חכם פון וואַלד קען זיי ניט מעקן.
זייער-זייער פיינט האָט בערל פלעקן.
חיות מיט עקן האָבן פלעקן.

ט טאָמער ווייסטו, ווער קען וואַשן
י יעדן פלעק פון פעל?
טראַכט גיך וואָלף. ווייזט מיט די הענט.
יצחק באַקט ברויט, יאָסל פאַרבט ווענט.

כ כלים פאַרב. כלים מעל.
ל לאָז זיך בערל נאָך מיר.
סענדער דער ערשטער כאַפּט שוין אַ רייט.
לאָזט בער און וואָלף אין שטאָט אַריין.

מ מעל און פאַרב מאַכן דאָך ווייס.
נ ניטאָ שוין בערעס פלעקן מער.
מוזיקע שפּילט. און איצע און יאָס,
נעמען דעם בער אַרויס אין גאַס.

ס ס׳קאָן אויף אים רייטן יעדער.
ע ער זאָל נאָר באַצאָלן אַ סענט.
סענדער דער ערשטער כאַפּט שוין אַ רייט.
ער טרייבט דעם בער און שרייט.

פ פייפן אַלע קינדער פריילאַך,
צ צום ווייסן און ליכטיקן בער: —
פיינער בער, קום צו מיר,
צוויי מאָל צוויי איז פיר!

ק קען דאָך בער צו אַלע ניט קומען.
ר רופט ער, און זאָגט:
קינדער, וואַרפט אַ גורל אַזוי:
ראָד א ריידל, ראָד א רינגל,
רייט האָט געריטן ערשטער אינגל.
רייטן וועלן אַלע אַזוי!

ש שפּילט זיך בערל און קינדער אין ראָד.
ת איז געענדיקט די מעשה.
שפּעטער איז געבליבן אין שטאָט דער בער.
תמיד אויף שטענדיק אַ ווייסער בער.

די פייגל פון וואַלד.

1

דער קלוגער קיניג שלמה איז איינמאָל געזעסן אין זיין וויינגאָרטן איינער אַליין. זעט ער, פון אויבן לאָזט זיך אַרונטער דער אָדלער נידעריק און נידעריקער; צווישן זיינע פליגל זיצט אַ אינגעלע, אינגעלע האַלט אַ פרישע, פייכטע רויז, אין רויז זיצט אַ בין, זינגט אַ בינגעזאַנג און זויגט זיך עסן.

עפנט שלמה המלך ברייט זיינע אויגן, און ער זעט די גאַנצע וועלט ביז אַרויף צו די הימלען, אָבער וואָס ער זעט נעבן זיך, קען ער ניט פאַרשטיין.

דער אָדלער איז אַראָפּ אַזוי נידעריק, ביז צום קיניגס פיס, און אינגעלע איז אַראָפּ מיט דער רויז און מיט דער בין, און די רויז האָט געהערט דאָס געזאַנג פון בין, און דער קיניג האָט געהערט וואָס אינגעלע האָט דערציילט: —

2

מיין ליבער קיניג שלמה! דו ביסט עלטער פון און איך בין אַלט אין גאנצן אַכט אָיר און וויל נאָך
און איך בין אַלט אין גאַנצען אַכט יאָר און וויל נאָך

לעבן אזויפיל יאָרן, ביז איך זאָל ניט קענען איבער־צײלן! מיין נאָמען איז בועז, און מיין פאָטער צפניה איז פון צדון; איז ער געפאָרן קיין צור מיט זיינע קעמלען מיט זייד און בשמים אויסצובייטן אויף גאָלד פון אופיר. איז ער געפאַנגען געוואָרן פון די כושים און פארקויפט געוואָרען פאַר א קנעכט.

ווען איך בין געבאָרן געוואָרן, איז מיין מוטער געלעגן נעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט, צי קומט ניט מיין פאָטער מיט זיינע קעמלען. דעמאָלט איז געפאַלן א שווערער, האַרטער שניי, און אַלע וועגן זיינען פאַר־דעקט געווען און פאַרמעקט; אָבער איך האָב שוין געוואוסט מיין פאָטער, ווי ער וואָלט נעבן מיין בעט געשטאַנען.

איך בין נאָך אַזוי קליין, ווייס איך ניט, פון וואַנען די טעג קומען. אָבער אַלע מאָל, ווען איך בין פון שלאָף אויפגעשטאַנען, איז שוין געלעגן נעבן מיין פענצטער דער נייער טאָג מיט זיינע בערג מיט ליכט איבער אונדזער הויז און ווייגאָרטן, ביז דאָרט אַרויף, וואו מען זעט דעם טייך חידקל לויפן. איך גלויב טאַקע, אַז פון דעם טייך קומען עם אַרוים די טעג, און דאָרטן פאַלן אויך אַריין די נעכט שפּעט, ווען קיינער זעט ניט. מיין מוטער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו שפּילן זיך מיט מיר, וואָרים מיין פאָטער איז נאָך אַלץ ניט געקומען, און זי האָט שטענדיק אַרויסגע־קוקט, צי ער גייט ניט מיט די קעמלען. פלעג איך אַרויפפאַלן אויף די ליכט שטראַלן אין מיין הויז אויף דער ערד און שפּילן זיך מיט מיין טאָג.

בין איך גרעסער געוואָרן, איז מיר מיין הויז קלע־

נער געוואָרן, וואָרים טאָג און ליכט איז געלעגן ביז
וויטער פון מיין אויג. איך האָב אין גאָרטן אויך גע-
טראָפן די ביימער מיט די גראָזן, און אויך די פייגל,
וואָס פליען און שוועבן איבער מיר, ביז די שיינע בלויע
הימלען! פלעג איך אַלע מאָל אַריינלויפן צו מיין מו-
טער און פּאַטשן מיט די הענטלאַך:

— דער פּאַטער מיט די קעמלען! — דער פּאַטער
מיט די קעמלען!

— אַז איך זע אַזוי ווייט!

אַפילו אין די גרעסטע שניי ווינטן, ווען פון אַלע
הימלען ביז דאָרט אַרויף צו די וועלדער און פעלדער
איבערן טייך זיינען געפאַלן ווייסע, קאַלטע שטיקער
שאָטנס ביז נאָך דער נאַכט און ביז אין טאָג אַריין,
אפילו דעמאָלט האָב איך אויך געזען אַזוי ווייט! וואָ-
רים אין מיינע אויגן איז דאָ ליכט אויף אייביק, און
מיין ליכט איז גרעסער פון דער וועלט!

3

איינמאָל, ווען עס איז געקומען א נייער פרילינג
צו אונדז אין גאָרטן, איז מיין מוטער אויפגעשטאַנען
מונטער און פריש, ווי געוואַשן פון טוי, און מיך גע-
שיקט אין וואַלד אַריין, אויף די וועגן, צי קומט ניט
אָן דער פּאַטער מיט די קעמלען. איך בין געשפּרונגען,
ווי אַ קינד, און גאָרניט געזען די נעצן פון די נייע
שטראַלן אויף מיינע וועגן, ווי איך פּלאָנטער זיך אַזוי
לייכט אַריין, און אַזוי לייכטער אַרויס, און טענענביי-
מער ציען זיך מיט גרויסקייט ביז הויך, וואו די ליכט
קוואַלט אַרויס, און גראָזן רייסן זיך צו די טענער-

ביימער, און די גאַנצע וועלט קייקלט זיך אונטער מיי־
נע פיס. אַלע וועגן קומען אַנטקעגן, אַלע ווייטקייטן
ווערן צו מיין אויג נענטער. — און דער טאָג גייט
אַוועק אונטער די בערג.

דער פאַטער מיט די קעמלען! דער פאַטער מיט
די קעמלען! איך זע דאָך אַזוי ווייט! וואו איז ער?

האָב איך געוואָלט אַוועקלויפן צו מיין מוטער
און וויינען, פאַרוואָס ער קומט נית. זע איך צוויי
ביימער, איינער נאָענט פון צווייטן, און צווישן זיי
קומט אָן נאַכט, און אויבן טוט אַלע ווילע אַ פינקל
אַרויס אַ שטערן, און מיט איין אויגנבליק שטייען אויס־
געשטעלט אַלע שטערן איבער מיר, און איך זיץ אונ־
טער איינעם פון די ביימער און דרעמל.

פיל איך: עפּעס פאַלט פון אויבן גלייך צו מיר
אין מויל אַריין, און עס איז אַזוי זיס, ווי דער נייער
טייטל פון זיין קערל אַראָפּ. עס איך, און הער צו אי־
בער מיר צוויי פייגל ריידן:

— איך האָב אים געבראַכט אַ בלאַט פון פייגל־
בוים, און איצט וועט ער שוין קענען הערן, וואָס פייגל
ריידן.

— און איך קום איצט פון מיין וואַנדער פון איבער
דעם ירדן אין זיין גאַנצער לענג. דרייצן טעג און דרייצן
נעכט האָב איך געפאַסט, און זיך בלויז גענערט
מיט אַ ביסל וואַסער פון איין מאָרגן ביז צום צווייטן;
איך האָב געפאַסט, דערפאַר וואָס מיט מיינע אויגן
האָב איך געדאַרפט זען, ווי מיין נעסט ווערט צע־
שטערט, און ווי מיינע יונגע קינדער זיינען געפאַלן
פון פייל. און איך האָב געשוואוירן, ניט צו ברעכן מיין

הונגער פון דער שפּייז פון דעם נעסט פון מיין ברוי־דער־פויגל, און ניט פון דעם, וואָס מיין אויג וועט מיר ווייזן. און אויב דאָס אינגעלע וויל זיין גוט, זאָל ער מיר ברענגען זיין מאָרגן קוכן, וועל איך קענען ברעכן מיין פאַסטן, און וועל אים דערנאָך דערציילן אַלע שיינע געשיכטעס פון דער גאַנצער וועלט!

אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך זייער געפרייט: און זיין פּיין האָט מיר דערמאָנט אָן מיין. און איך האָב אים געוואָלט העלפן, אַזוי ווי איך האָב געוואָלט, אימיצער זאָל מיר העלפן. האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ פּאַס מאָרגן אין עק פון מזרח זייט, און די שטערן אין הימל זיינען אַזוי ווי ליכט, אויסגעלאָשן געוואָרן. בין איך אַרויף אויף די וועגן און געלאָפן אַהיים, באַזעליקט פון גליק, ווי איך וואָלט מיין פאַר־לאַנג מיטגעבראַכט. ביי איר פענצטער איז שוין גע־זעסן מיין מוטער; ארום הויז האָט געלויערט דער נייער טאָג, און מיין מוטער, און דאָס הויז, און דער גאַנצער טאָג האָט אַ ציטער געטאָן, ווען איך בין נענ־טער צוגעקומען.



— דער פֿאָטער מיט די — ?
האָט מיין מוטער ניט געקענט ענדיקן איר פֿרעג.
— ניין, נאָך ניט — האָב איך געענטפֿערט — אָבער איך ווייס, וואו ער איז, ערגעץ ווייט! הויך איז ער און שטאָלץ, ווי א טענענבוים, און זיינע אויגן זיי־נען ליכטיקע און גרויסע, און זיינע האָר זיינען שוואַרץ, ווי די נאַכט פֿון וואַלד, און זיינע טריט זיינען פֿעסט, און פֿול מיט לוסט און באַגער!
— און וואו האָסטו אים געזען?
— ערגעץ דאָרט נאָך דעם ווייטן וואַלד. און איצט ווייס איך שוין צו הערן די שפּראַך פֿון די פֿייגל, און זיי וועלן מיר דערציילן, וואו מיין פֿאָטער איז!
דערנאָך האָב איך דערציילט, וואָס מיט מיר איז געשען. מיין מוטער האָט אויפגעשטראַלט, ווי א נייע זון, און זי האָט מיר געגעבן מיין קוכן מיט האָניק און נאָך איינעם, איך זאָל אַוועקטראָגן דעם פֿויגל אין וואַלד.
איך האָב פֿאַרגעסן מיין הונגער און מיטביידע קוכנס געלאָפֿן צוריק אויף מיינע טריט, ביז איך בין געקומען צום פֿויגל, און גערופֿן:
— מיין מאָרגן קוכן האָב איך געבראַכט צו דיר צו ברעכן דיין פֿאַסטן, און דערנאָך וועסטו מיר דער־ציילן אַלע שיינע געשיכטעס פֿון דער גאַנצער וועלט!
ער האָט אַראָפּגעניִדערט צו מיר, און געגעסן פֿון מיין רעכטער האַנט, און איך האָב געגעסן פֿון מיין לינקער, און פֿון מיין אויג איז געפֿאַלן אַ טרער, און גע־גלאַנצט נעבן אונדז, אין די שטראַלן פֿון דער שטילער ווייכער זון.

זאָגט דער פויגל:
— וואָס איז דען שווער אויף דיין קליין יונג

האַרץ? פאַרוואָס דען האָב איך אויסגעשוועבט

זיבן מאָל אין מיין לעבן פון איין עק הימל ביז צום צווייטן, אויב ניט צו וויסן, ווי דיין פיין צו לינדערן?

זאָג איך מיט פרייד און מיט האָפנונג:

— יאָ, מיין ליבער פויגל, דו ווייסט! מיין פאָטער מיט די קעמלען. זיין נאָמען איז צפניה, און ער איז העכער און שטאָלצער פון דעם טענענבוים, און זיינע אויגן זיינען גרעסער און ליכטיקער פון דער זון, און זיינע האָר זיינען שווארצער פון דער נאַכט אין וואַלד, און ער איז אַוועק אַזוי לאַנג, און איך ווייס ניט וואו ער איז!

דערנאָך האָב איך געוויינט, און דער פויגל האָט מיט זיין וויך, וואַרם קעפל מיר אויסגעווישט די אויגן, און געטרייסט:

— אַ סך, אַ סך סודות טראָגן די פייגל אין זיי-ערע פליגל, און נאָך מער סודות טראָגט די וועלט אין איר שויס, און די וועלט איז אַזוי גרויס, און אפילו שלמה המלך ווייסט ניט אַלע סודות פון דער וועלט! אָבער נאָך דעם, אַז די זון וועט אַרויסקומען אין מיטן פון וואַלד, דעמאָלט דאַרף אויך אָנקומען אונדזער קיניג אָדלער, און ער דאַרף אַ סך וויסן, וועלן מיר אים בעטן זיין הילף.

דערווייל וועל איך דיר דערציילן פון דעם זינג-פויגל צוויצי מיט זיינע האַלבע געזאַנגען: —

4

אַמאָל האָט געוואוינט אין דעם וואַלד אַ זינג-פוי-געלע מיט דעם נאָמען צוויצי. פלעגן מיר שטענדיק הערן פון וייטן זיינע זיסע געזאַנגען, וואָס האָבן פאַר-

שטעלט דעם טאָג מיט זייער לויטערקייט, און פאַר־שלונגען די נאַכט מיט זייער ווייטקייט. איז ווי ער פלעגט קומען אין מיטן פון זיין געזאַנג, האָט מען גע־הערט, ווי די צווייטע העלפט פאַלט אַרונטער, ווי עס פאַלט דער בוים פון אַ זעג. און מיר האָבן זיך גע־בעטן ביי אים:

— ליבער צוויצי, וואָרום פאַלט דען ביי דיר אַלע מאָל אַראָפּ די צווייטע העלב פון דיין זיס געזאַנג?

אָבער ער האָט ניט געענטפערט.

איינמאָל, ווען די זון האָט געניִדערט רויט אָנגע־ברענט, ווי צונטער, צום מעריב ים, און ער איז אויפ־געשטאַנען צו זיין נאַכט געזאַנג, האָבן מיר דריי, איך און נאָך צוויי ברידער פייגל, פּלוצלונג אויפגעהערט צו זען. עס איז אַרום אונדז געוואָרן אַזוי, אַז מיר האָבן ניט געוואוסט, צי מיר זיינען אין וואַלד, צי מיר שוועבן איבער ים׳ען, אונטער זון אָדער שטערן. און אַרום איז געלעגן פאַרשפּרייט נאַכט. און ער האָט אָפּגעבראָכן די צווייטע האַלב פון זיין געזאַנג, און ער האָט געזאָגט:

— צוויצי גייט שטאַרבן, און זיין צווייטע האַלב געזאַנג וועט נאָך אים בלייבן אין וואַלד ניט קיין גע־זונגענע. ווייל ער האָט פאַרגעסן די טובה פון אַ גוט האַרץ, און פאַרקויפט זיין צוזאָג פאַר אַ קליין זינג־פויגלס פאַרגעניגן. און אַזוי האָט ער דערציילט:

5

צוויצי איז געווען דער שענסטער פון די פייגל אין זיין שטייג; זיין שפּרונג לייכטער פון אַלע זיינע

צוועלף געזעלן, און זיין געזאַנג שאַרפער און ווייטער פון אַלע זייערע צוועלף געזאַנגען. און דער קנעכט אין הויז האָט אים דערלאַנגט פון די גרעסטע, בעסטע קערנער, און זיין וואַסער געטראַנק איז געווען, ווי דער קלאָרער גלאַנץ פון דעם ערשטן מאָרגנשטראַל.

האָט איינמאָל געזאָגט דער קנעכט צו אים:

— ווייל דו ביסט דער שענסטער פון אַלע אין שטייג, דערפאַר מוזטו אויך זיין דער בעסטער און קליגסטער. אויב דו וועסט מיר וועלן צוזאָגן, אַוועקצוטראָגן דאָס קליין צעטעלע, וואוהין איך וועל דיך שיקן, וועסטו אַרוים פון דער שטייג, און ווערן פריי!

צוויצים פליגל האָבן אַ פאָך געטאָן פאַר פרייד, און ער האָט געענטפערט:

— ווי אַ פייל פון בויגן וועל איך פליען, און ניט רוען, און ניט מיד ווערן, ווי לאַנג דער וועג זאָל ניט זיין, ביז איך וועל ברענגען דיין צעטעלע צו זיין פּלאַץ, און דיין נאָמען וועל איך בענטשן ביז צום סוף פון מיינע טעג, פאַר דיין גוטן צוטרוי צו מיר!

זיין צעטעלע האָט ער אָנגעבונדן צוויצין אויפן האַלדז, אויפגעשריבן וואוהין דאָס דאַרף צו גיין, און צוויצי איז באַלד געווען אויף דער פריי!

אַזוי הויך ביז די וואָלקן איז צוויצי אַרויף, און נעכט און טעג האָבן נעבן זיינע אויגן און פאַרביי זיין קאָפּ אַוועקגעצויגן. צוויצי זעט ניט און ווייסט ניט קיין זאַך, נאָר זיין וועג, וואָס ער שניידט מיט זיין יונגן שאַרפן בליק.

הערט צוויצי אַ ווינט, וואָס יאָגט אים אַזוי בייז.

הערט צוויצי אַ קול, וואָס טראָגט זיך מיטן ווינט. פּאַלט אַ שרעק אויף צוויצין אָן:

דער שפּאַרבער קומט! זיין האָר האָט געשיקט דעם שפּאַרבער, ער זאָל אים כאַפּן, און צוריק אין שטייג ברענגען.

אָבער דעם שפּאַרבערס ווערטער זיינען געווען זיס, און זיין קול ווייך, ווי דאָס קול פון אַ יונגער טויב:

— אויך איך בין פריי, און וועל דיין בעסטער חבר זיין. צוויצי איז שיין, צוויצי איז ליב, אויך דער שפּאַרבער האָט אים ליב!

איז גוט געווען צו הערן אַזוינע טייערע רייד. און צוויצי האָט זיך פאַרטראַכט: אויף דעם שפּאַרבערס האַרץ איז ניט פון שטיין! און צוויצי זעט: אַ נאַכט פּאַלט, אַ רעגן גייט. און שפּאַרבער זאָגט:

— לאָמיר אַרונטערנידערן צו אַ וואַלד, ליבער צוויצי, באַהאַלטן זיך פון רעגן און רוען אין דער נאַכט; און פון צפון קומט אָן אַ שטורמווינט.

זאָגט צוויצי און ענטפערט:

— ניין, גוטער שפּאַרבער, איך קען ניט אָפּרוען, וואָרים אויף מיין האַלדז טראָג איך אַ צעטעלע פון מיין באַפרייער, און איך דאַרף עס ברענגען צו זיין פּלאַץ.

שפּרייט אוים שפּאַרבער זיינע פליגל און איז אַ שויץ אויף צוויצים קאָפּ. — טריפט דער רעגן פרישע פרילינג טראָפּן, און צוויצי בייגט זיין קעפּל אַרונטער, ווייל ער וויל בעסער פילן, וואָס ער טראָגט אויף זיין האַלדז.

דעמאָלט רירט שפּאַרבער אָן מיט די פּוך-פעדערן

פון זיין וואָרים לייב צוויצים פייכטע אָפענע פליגל, און ווייך זאָגט ער צו אים:

— איך וועל ניט לאָזן דעם רעגן נעצן דיין קאָפּ, און דאָס צעטעלע קען נאָך פאַרוואַשט ווערן. מיר זעען, דאָרט פון ווייט קומט אַ וואָלד אונדז אַנטקעגן. קום, ליבער צוויצי, ביז וואַנען דער מאָרגן וועט שטי־לער מאַכן דעם רעגן מיט דעם קאַלטן ווינט, וועל איך דיר זינגען אַ לויב־געזאַנג, און דו וועסט אים הערן און ליב האָבן, ווייל דאָס איז דער שענסטער געזאַנג צווישן הימל און ערד!

צוויצי האָט ליב געזאַנג, און אַ לויב־געזאַנג איז דאָך נאָך שענער. און דער שענסטער געזאַנג צווישן הימל און ערד איז געווען צו זיינע אויערן, ווי טויזנט וועלטן וואָלטן אים טויב געמאַכט. ער זעט גאָרניט, און ער ווייסט גאָרניט. און נאָך דעם געזאַנג האָט זיך איבערן וואָלד ביז דאָרט נאָך די וואָלקן געקייקלט דער ווידער־קול, וואָס איז נאָך דעם טויטן געזאַנג געבליבן.

און שפּאַרבער איז אַנטלאָפן, און דאָס צעטעלע אויף צוויצים האַלדז איז מער ניטאָ!

צוויצי גייט שוין ווייטער ניט אין זיין וועג, וואו ער האָט געוואָלט. דאָ אויף דעם בוים האָט ער זיין ערשטן מאָרגן־געזאַנג געזונגען; איז ער געווען אַזוי ביטער און אַזוי שאַרף, אַז אַלע פייגל זיינען געקומען און געקלאַפּט מיט זייערע פליגל אין וואונדער:

— אַזוי שיין, אַזוי שאַרף! אָבער, פאַר וואָס אַזוי ביטער צום נייעם מאָרגן?

צוויצים לעבן וואָלט געבליבן פּוסט אָן דעם

שווערן סוד. און צוויצי וויל נאָך זיין פּעלער בעסערן. אַזוי האָט צוויצי זיינע אַלע געזאַנגען אָפּגעהאַקט אין האַלב. און קיינער האָט ניט געוואוסט.

האָב איך געזאָגט צום פויגל:

— דער שפּאַרבער איז געווען אַ שלעכטער. וואָס האָט ער געקענט טאָן מיטן צעטעלע? און איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין שלעכטקייט.

דער פויגל ענטפערט:

— מיר האָבן ניט געהערט פון אים, און מיר ווייסן ניט זיינע טריט. אַזוי גיך ווי איך וועל עפּעס וויסן, וועל איך קומען און דאָס דערציילן צו דיר.

איז די נייע זון געקומען נענטער צום מיטן וואַלד, און איך האָב זיך דערפילט אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונגען.

און פויגל האָט צו מיר געזאָגט:

— זע ווי די זון האָט שוין באַלד געגרייכט אונדזער צייט! און דער אָדלער ווייסט אַ סך!

זיינען מיר אַוועק. און מיר זיינען געקומען צום העכסטן און שענסטן בוים פון וואַלד. און פון אַלע וועגן האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות מיט פייגל, און

זייער פּאַכן מיט די פליגל האָט געשניטן די שטיל־קייט פון וואַלד.

אויף זיין נעסט אין דער הויך האָט זיך שטאָלץ אַרונטערגעלאָזן דער אָדלער. אויף די פליגל האָט ער געטראָגען זיין רויב, און ער איז פריער אריין צו זיינע קינדער.

דאָרט האָט ער אָפּגעשאָקלט דעם שטויב פון זיינע פליגל, געגנידערט צו אונדז, און גערופן:

— די, וואָס דאַרפן מיין הילף, זאָלן קומען ערשט!

מיר ביידע זיינען צוגעגאַנגען, און מיין פויגל האָט דערציילט דעם אָדלער אַלץ, וואָס ער ווייסט פון מיר, און וואָס איך פאַרלאַנג.

הייבט דער אָדלער אויף זיין קאָפּ, און לאַכט צו מיר גוט:

— מער ווילסטו גאָרניט, גוטער אינגעלע? דער אָדלער ווייסט מער פון אַנדערע פייגל, און ער קען דיר מערער געבן.

איך זאָג צו אים גליקלאַך:

— ווייסט דער אָדלער, וואו מיין פאָטער איז מיט די קעמלען? און ווייסט אויך דער אָדלער, וואו שפּאַרבער איז, וואָס האָט צוגעכאַפּט דאָס צעטעלע, וואָס צוויצי האָט געטראָגן אויפן האַלדז?

דאָ הויבט זיך אויף דער אָדלער אין זיין נעסט אַריין און קומט צוריק אַרונטער. און צווישן זיינע ציין ליגט שפּאַרבער האַלב פאַרצוקט. ווערט אַ פּאַטשעריי פון אַלע פליגל פון די פייגל; מאַכן זיי אַ האַלבע ראָד אַרום אונדז מיט דעם אָדלער, און דער אָדלער דערציילט: —

די טירקל־טויב האָט געבאָדן אירע צוויי יונגע טויבן, אַלט איין טאָג, ביי די ברעגן פון ירדן. האָט זי געהאַט גרויס נחת, האָט זי געקלאַפּט מיט איר שנאָבל אין זאַמד אַ לויב צו די וואַסערן פון ירדן. און דער אָדלער איז געשטאַנען אויפן צווייטן זייט, אַרויס־קומענדיק פון יריחו. פּלוצלונג פאַלט אַראָפּ דער רויב־פויגל, שפּאַרבער, און וויל פאַרצוקן די מוטער און אויך די קינדער. דעמאָלט שפּרייט אויס דער אָדלער בייז די פליגל, און מיט איין שוועב ברענגט ער זיין הילף און זיין גרימצאָרן, און שפּאַרבער פילט שוין גוט דעם טעם פון אָדלערס שאַרפע נעגל, און ער הערט:

— דו ביסט ווערט, דער אָדלער זאָל דיך איינ־שלינגען ווי עס שלינגט דער ירדן דעם שטיין, אָדער אין שטיקלאַך אויפן פעלז צעשמעטערן, ווי עס ווערט דער דונער, פאַלנדיק אין גרויסן וואַלד. דו ביסט די שאַנד פון אַלע פייגל, און איך וועל דיך פאַרטיליקן!

שפּאַרבער בעט זיך:

— זאָל דער אָדלער אַביסעלע אָפּלאָזן דעם שאַרף פון מיין האַלדז. שפּאַרבער וועט אים געבן אַן אוצר וואָס ער טראָגט אונטער זיינע פליגל, און דער ליבער צוויצי וואָלט אַוועקגעגעבן אַלע זיינע פעדערן פאַר דעם!

דערהערט אַזוינס, לאָזט דער אָדלער אָפּ אַביסעלע, און שפּאַרבער גיט אים אַ קליין בריוועלע.

האָבן געציטערט אין גרימצאָרן דעם אָדלערס פליגל, און ער האָט געזאָגט:

— צוויצי איז שוין ניטאָ, און איך דו וועסט באַלד ניט זיין!

אויף גיך האָט אָדלער געוואָלט פאַרצוקן שפּאַר־בערס שלעכטע בייזע אויגן, ווי עס טוט דער הונגע־ריקער וואָלף מיט דעם עלנדן שעפּעלע. אָבער צוויצי מיט זיינע האַלבע געזאַנגען איז געשטאַנען, ווי אַ חלום, איבער דעם אָדלער, און מער ווי האַלב איז שפּאַרבער ניט פאַרצוקט געוואָרן.

אַזוי ענדיקט אָדלער די געשיכטע פון שפּאַרבער, און איצט וועט ער אייך ווייזן דאָס בריוועלע.

אָדלער האָט זיך אויפגעהויבן און אַלע האָבן גע־זען דאָס צעטעלע. און אָדלער האָט געלייענט:

„דאָס שרייבט צפניה, דער זון פון יואב, פון צדון" —

אַז איך האָב דאָס געהערט, בין איך געפאַלן אויף מיין פויגל, און געשריען:

— דאָס איז מיין צפניה!... מיין פאָטער מיט די קעמלען!

אָבער דער אָדלער האָט געלייענט ווייטער, און איך האָב קוים געקענט הערן, וואָרים אין מיינע אוי־ערן האָבן געקלונגען קולות פון מחנות קעמלען, וואָס קומען ערגעץ, און איך זע זיי ניט.

און דער אָדלער האָט ווייטער געלייענט:

„איך מיט מיין מחנה קעמלען זיינען גע־פאַנגען געוואָרן פון די כושים, און זיי האָבן מיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט קיין חרן. פון מזרח קומען די טעג און פון מעריב די נעכט, און פיר פרילינגס און פיר ווינטערס זיינען איבער מיין

קאַפּ אַוועק, און מיין ווייַנגאָרטן איז פון מיר ווייט, און מיין פרוי איז אַליין. ווען איך וועל קריגן פון מיין ווייַנגאָרטן אַ פרישע רויז, דע־מאָלט וועל איך ווערן פריי. אַזוי האָב איך געזען אין מיין חלום די ערשטע נאַכט פון דעם נייעם פרילינג.

„דאָס גייט צו צפניהם ווייַנגאָרטן, צום ערשטן בייט פון די רויזן."

ווען דער אָדלער האָט אָפּגעלייענט, איז צוגע־טראָטן אַ מחנה מוטער־פייגלען און מיך אַרויפגעזעצט מיט געזאַנג אויף די פליגל פון אָדלער. מיין פויגל און אַלע פייגל האָבן געפּאַטשט צו מיר מיט די פליגל, און באַלד בין איך מיטן אָדלער געווען אין מיין ווייַנ־גאָרטן.

דער חידקל פון ווייטן איז געלאָפן זיין לויף. און מיין מוטער האָט געלייענט דאָס צעטעלע, און ניט גע־גלויבט, וואָס זי לייענט. און זי האָט געזאָגט:

— די רויז האָט נאָך ניט געעפנט אירע בלעטער, און אָפּגעריסן פון איר צווייג, וועלן באַלד די ריחות און קאָלירן אַוועקשטאַרבן. ווי אַזוי וועט קומען אַ פרישע רויז צו אים?

ענטפערט דער אָדלער און זאָגט:

—אינגעלע און רויז קען איך אין איין האַלבן טאָג צום קיניג שלמה ברענגען, און ער מיט זיין חכמה קען דער רויז אַ לאַנג לעבן געבן.

אַזוי בין איך מיטן אָדלער, מיט דער רויז מיט דער בין געקומען פון צדון צום קיניג שלמה.

פאַרוואונדערט האָט שלמה המלך זיך נאָכדעם

פֿאַרטראַכט, אַז די וועלט איז גאָר גרעסער, ווי זי איז. און די סודות זיינען נאָך גרעסער פֿאַר דער וועלט. און ער און זיין חכמה באַהאַלטן זיך אין איין גרויסן סוד, וואָס ער ווייסט ניט וואו איין און וואו אויס. און ער האָט געזאָגט צום אינגעלע:

— יע, איך וויים צו געבען לאַנג לעבן דיין רויז. אָבער דו, קליין אינגעלע, ווייסט מערער פֿאַר מיר. ווייל דיין גאַנצער באַגער וועט באַלד קומען, און מייַנער וועט קיינמאָל ניט. שלמה המלך׳ם באַגער איז צו גרויס פֿאַר די קליינע אויגן זיינע.

דערנאָך האָט שלמה המלך געזאָגט אַ שפּרוך צו די רויזנבלעטער. און אַ בריוועלע האָט ער געגעבן דעם קליין אינגעלע בועז. און דער אָדלער מיטן אינגעלע זיינען אַוועק, און געקומען וואו זיי האָבן געוואָלט. אויך צפניה איז צוריק געקומען צו זיין וויינגאָרטן, און צו זיין פרוי אין צדון. און די מעשה ענדיקט זיך, און לאָזט זיך אויס!

אַ מעשהלע פון אַ שלאַנג מיט ליכטיקע אויגן

זינגען די זאַנגען.
זינג אַ זאַנג.
איך האָב געשיקט אַ אינגעלע,
גיין אַ גאַנג.
איצט פאַנגט זיך אָן,
די מעשה מיט אַ שלאַנג.

אַנטקעגן דעם גן־עדן האָט אַמאָל ניט לאַנג געוואוינט אַ שלאַנג. איז ער געווען פויל, ווייל עסן האָט ער געהאַט ביי זיין מויל. ער פלעגט קייען זאמד און שטיינער, מיט זיינע שאַרפע קליינע ציינער. שלאָפן פלעגט ער איינשלאָפן אונטער דער וואַרימער זון אויפן זאמד און אָפּשלאָפן טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד. און וואָס מער יאָרן שלאָפן אַלץ פוילער איז ער געוואָרן. פלעגט אים די זון ברענען און בראָטן בייז פאַר זיין פוילקייט. און ער איז נאָך פוילער געוואָרן.

האָט גענומען וואַקסן גראָז אויף זיין בויך אוןביימער אַזוי הויך. קורץ און גוט און בעסער, ביז אַ גאַנצער וואַלד גרעסער און גרעסער.

און פונקט אַנטקעגן יענעם וואַלד איז געלעגן דער גן־עדן, און זיין ליכטיקייט פול מיט פריידן האָט

זיך געשפּיגלט און איז געלעגן אין דעם שלאַנגס פּוילע אויגן.

דאַרף זיך טרעפן אַ מעשה, און אין דעם וואַלד קומט אַרוים אַ חברה וואוילע יונגען אויסזוכן דעם גן־עדן. פאַלן זיי אַריין אין וואַלד, אַזוי ווערט פריי־לאַך דער גאַנצער וואַלד. קלעטערן זיי אויף די ביי־מער. זינגען. שרייען. וועקן זיי אויף אַזוי דעם שלאַנג.

שרייט ער בייז:

אינגל צי מיידל,
איך וויל ניט קיין זינגער!
לאַז אָפּ דאָרט מיין ווײדל,
איך צעביים דיר אַ פינגער!
שוין אַראָפּ
פון מיין קאָפּ,
קלעטערער פון הויך!
אָט און באַלד,
דעם גאַנצן וואַלד
שאָקלט אָפּ מיין בויך!

וואוילע יונגען אָבער שרעקן זיך ניט. ווערט גרע־סער דער געלעכטער. נעמט מען אַ שטיין. צעהאַקט מען אים דעם קאָפּ מיט די ציין אויף פיצלאַך. און זיינע שיינע אויגן טראָגט מען אוועק מיט גרוים פּאַראַד אין שטאָט אַריין, און דאָרטן צאַצקעט מען זיך אַרום מיט זיי, ווי צירונג, צוליב דער גרויסער ליכטיקייט וואָס שיינט פון זיי אַרוים. און ביז דער ליכט גרייכט מען ניט.

זינגען די זאַנגען.
זינג אַ זאַנג.
איך האָב געשיקט אַ אינגעלע,
גיין אַ גאַנג.
איצט לאָזט זיך אויס
די מעשה מיט אַ שלאַנג.

אַ ראָד — אַ ראַנע.

טשיריק חיריק ביריק.
קאָמעץ אַלעף אָ.
אויף אַ באַרג קריכט אַ בער.
זאָגט דער בער באָ.

אויפן גאַס גייט אַ גאַנדז.
זאָגט די גאַנדז גאָ.
גענדזל בערל חיריק ביריק —
איצטער שטיי איך דאָ!

דער ים רופט.

דער קיניג פון ים קומט אַרויס פון די וואַלן. רויט איז ער ווי די לבנה-פּול אין פרימאָרגן אין איין זייט הימל, און ווי דער נייער זון-גלאַנץ אין פרימאָרגן אין צווייטן עק הימל. אָבער דער פּנים זיינער איז פאַר-דעקט פון דער גרויסער ווייס-שוים-אויפגעקאָכטער באָרד און פּיאות, וואָס פאַלן אַרויס פון אַ פולן קאָפּ האָר פון איין-און-דערזעלבער ווייס.

און זיין ליכטיק ווייסער שמייכל צעגייט אויפן גאַנצן ברעג. און זיין זיסקייט האָבן ליב קינדער און מיידלאך. און זיי לויפן צו אים אויף די הענט. און ער נעמט זיי אַלעמען אויף מיט ליבשאַפט.

די ווייסע קרוין שיינט ליכטיקער אויף זיין קאָפּ, אין דעם קלינג-געלעכטער פון פרייד, און ער פירט זיי אַלעמען אַריין אין זיינע וואַסערן. און ער וויגט זיי צו מיט אַ באַקאַנטן געזאַנג אָן ווערטער, פון זיינס אַן אַלט פאָלקס-לידל.

אין דעם געזאַנג שאַרפן זיך ווערטער און בילדער. האָבן די בילדער אַזאַ רייץ, ווי קלאָר-בלוי-געברעקלט גלאָז אַנטקעגן בלויע אויגן־בליקן. שאַרפט זיך בלוי אין בלוי. און אויגן בלענדן אין ליכטיקייטן.

אין די ליכטיקייטן פירט זיי אריין דער קיניג פון ים. טרינקען זיי פון די ליכטיקייטן, און גאפן. איז דאס געזאנג ווי א געטראנק פון אלע טעמ'ען, און יעדער טעם בינדט זיי מיט ליבשאפט און געטריי־קייט צו זיך.

זיי קענען שוין אן דעם ניט לעבן, אלע וואס פארזוכן דאס.

און די בלויע אויגנבליקן בינדן זיך מיט דעם וואַ־סער־בלוי. טיפער בלוי באַדעקט מיט ווייסן ליכט פון זיין ליכטיקער באַרד. און דער קיניג פון ים דעקט זיי איין מיט זיין ליכטיקייט. און אזוי זאָגט ער:

— ליבע בלויע אויגן! איר זייט די ליכט פון מיין זיסן געלעכטער. איר זייט די ליבשאפט פון מיין ווייך געזאַנג. איר זייט דער ים. איר זייט אַנט־לאָפן מיט די וואלן רייטנדיק, און איך האָב אייך נאָכגעיאָגט מיט די וואלן רייטנדיק, און געכאפט. איך בין אייער קיניג.

האַראַמידן

האַראַמיד! — האַראַמידן! —
וואו אַהין פאָרט איר? —
צו די אידן.
זיי זיצן אין די הײלן,
און טוען מעשות דערציילן,
און זיינען שטענדיק צופרידן.

האַראַמידן

צוויי ברידער.

א

אין אַ דאָרף, ניט ווייט פֿון דער גרויסער שטאָט צפת, האָט געוואוינט קליין זינגפֿויגל צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער, גרויס זינגפֿויגל. און אַלע שבת און יום טוב זיינען געקומען אַ סך געסט פֿון שטאָט אין דאָרף אַריין, און זיי פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אַרום, און הערן די צוויי ברידער זינגפֿייגל זינגען.

שטענדיק פֿלעגן זיך זיצן די צוויי ברידער אין זייער נעסט אין דער הויך, און אַראָפּזינגען פֿריילאַכע געזאַנגען.

איינמאָל, אין מיטן מיטוואָך, ווען די זון האָט גענומען וואַרעמען אין מיטן הימל איבערן גאַנצן דאָרף, קוקן אַזוי אַראָפּ די צוויי ברידער אין זייער זינגען, זעען זיי פֿון וויטן, פֿון יענע וועגן וואו די טויערן פֿון צפת שטייען, קומט און דערנענט זיך צו זיי אַ מחנה פֿון צוויי קליינע אינגלאַך מיט צוויי קליינע קעצלאַך.

פֿרעגט קליין זינגפֿויגל, אין זיין זינגען, ביי גרויס זינגפֿויגל:

— די צוויי קליינע אינגעלאך זיינען אונדזערע געסט, אָבער וואָס זיינען עפּעס די צוויי קעצעלאך?
ענטפערט גרוים זינגפויגל, אויך אין זיין זינגען:

צוויי קעצעלאך, צוויי קעצעלאך!
טראָגן קליינע פלעצעלאך!
מיאַו־מיאַו! — שרייען זיי,
מיר וועלן זיי נעמען פאַר געסט!
צוויי בעטעלאך לייען זיי
אין אונדזער גרויסער נעסט!

און זיי האָבן גאָרניט געזען, וואָס איבער זיי קומט אָן צו זיי.

ב

און איבער זיי, הויך־הויך, נעבן די קליינע, ווייסע וואָלקן, איז זיך געפלויגן אַ גרויסער הונגעריקער שפּאַרבער פון וואַלד זוכן זיין רויב. און אַזוי ווי ער האָט דערזען די צוויי אינגעלאך מיט די צוויי קעצעלאך, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט, און אַראָפּגעניִדערט באַזאַכט, שמעקנדיק די פלעצעלאך און שרעקנדיק זיך פאַר די קעצעלאך, זיי זאָלן אים ניט כאַפּן און צעדראַפּען.

שמייכלט אַזוי דער שפּאַרבער, מיט דעם שמייכל פון אַ זינגפויגל, און זינגט זיך אַזוי פאַלש אַרונטער, צו די צוויי אינגעלאך:

וואו גייט איר, יונגע לייטן?
איך גיי אויך מיט אייך!
איר קענט אויף מיר רייטן,
ווען איר זעט אַ טייך!

פרייען זיך די אינגעלאך, און זיי מיינען טאקע, אז דאס איז א זינגפויגל. זינגען זיי:

זינגפויגל! זינגפויגל!
קום אראפ צו די קעצעלאך!
פון צפת קומען מיר,
ברענגען מיר דיר פלעצעלאך!

אבער די קעצעלאך האבן גענומען שרייען:
— מיאו! מיאו!
פרעגן די אינגעלאך:
— וואס מיאוקעט איר דארט, נארישע קעץ!?
ענטפערן ניט די קעצעלאך. און איינע טוט מיט איר גאנצן כח אזא שפרונג אין דער הויך, אזש איר פלעצעלע איז אראפגעפאלן.
דערשרעקט זיך טאקע שפארבער, און נעמט פליען, אין זיין טומל, אזוי הויך, ביזן הימל. שרייען אים נאך די קעצעלאך:

שפארבער! שפארבער!
עסט אויף דיינע ברידער!
דו ביסט א פארדארבער,
פלי מיט דיינע לידער!

ג

די צוויי אינגעלאך זיינען איצט געווען אזוי צו־פרידן פון דעם, וואס שפארבער האט זיי ניט פאר־פירט, אז זיי האבן גארניט געזען, ווי עס יאגט זיך צו זיי א גרויסער הונט. און דער הונט האט טאקע גע־וואלט אויפעסן די צוויי קליינע קעצעלאך און אויך די

צוויי פלעצעלאַך. אָבער, אַז ער האָט דאָ דערזען די צוויי אינגעלאַך, האָט ער געטאָן אַ טאַנץ אין דער לופטן אַזוי, אַז זיין מויל האָט שיעור ניט אָנגעכאַפּט זיין ווײדל אין זיין דרײדל, און אין פרײדל האָט ער זיי געלעקט די פּיסלאַך, זינגענדיק:

ווען איך האָב צוויי צינגעלאַך,
וואָלט איך וואַשן אייך ביידן גלייך.
איך האָב ליב אַלע אינגעלאַך,
און לויף שוין גלייך נאָך אייך!

אָבער דאָ איז די זון אַרויס פון איר פוטער־פאַס, און גענומען ברענען ווי אַ ים פון פלאַם. אַזוי זאָגן די צוויי אינגעלאַך:

הינטעלע, גוט הינטעלע!
אפשר ווייסטו פון אַ ווינטעלע?
די זון איז אַרויס,
די זון איז גרויס,
די זון ברענט אונדז
די אויגן אויס!

איצט וועלן מיר טאַקע לאָזן די אינגעלאַך, וואָס ווילן אַ ווינטעלע, מיט דעם הינטעלע, מיט די קעצעלאך, מיט די פלעצעלאך, און מיר גייען זען, וואס איז געשען מיט די צוויי ברידער זינגפויגל.

ד

קליין זינגפויגל האַלט אַזוי זיין אויגל צו די צוויי אינגעלאַך אויף די וועגן. אַז ער דערזעט דאָרט גלייך דעם שפּאַרבער, דעם פאַרדאַרבער, וואָס יאָגט אַרויף

אַ שרעק אויף אַלע פייגל לייט. הויבט ער אויף זיין שטים, און זינגט אַזוי:

זינגפויגל פיינער, ברודערל מיינער,
זינג אוים אַלע לידער אַצינד.
צעטראַג און צעיאַג, צעפלאַג און צעקלאַג,
צו מזרח, צו מערב אַ ווינט!

אָבער גרוים זינגפויגל ענטפערט זיך:

נאַסער וואַסער, שטילער, קילער,
אין מיין שאָטן קוואַלט און פאַלט!
אין די שטיינער קוואַלט און שאַלט!
וואַש מיין זינגען, זאָל ער קלינגען
ריינער, בלאַסער, אין דיין וואַסער,
פאַר די געסט וואָס קומען באַלד!

קוקט אַרונטער קליין זינגפויגל אין זיין זינגען, זעט ער, אין קוואַל גלאַנצן און טאַנצן צוויי פישעלאַך. האָט ער טאַקע ניט געוואוסט, וואָס אַלע טאַנצן און זינגען אָן זאָרגן, און נאָר אים איז אַזוי שווער זיין הערצל פאַר מאָרגן.

און דאָ הערט ער, ווי די פישעלאַך טאַנצן און זינגען זיך אַזאַ געזאַנג:

דער שפּאַרבער, דער דאַרבער,
וואו איז געפלויגן,
פאַרטריבן פון קעצלאַך און קינדער? —
דער שפּאַרבער, דער דאַרבער,
איז דאָך געפלויגן,
איז דאָך געפלויגן אַ בלינדער —
צו דעם פאַל פון וואַסער קוואַל,

צו דעם קוואַל פון וואַסער-פאַל!

און דער הינטל, וואָס וויל ציקן,
וואָס וויל קעצלאַך, פלעצלאַך פיקן,
וואו איז ער געלאָפן? —
געלאָפן, געלאָפן איז אונדזער הינטל,
ביז געטראָפן האָט ער אַ ווינטל —
ביי דעם פאַל פון וואַסער קוואַל,
ביי דעם קוואַל פון וואַסער פאַל!

— שוין טרוקן מיין האַלדז!
זאָגט גרוים זינגפויגל.

— קום, קליין ברודערל, אָנטרינקען אונזערע מייַלער. — שאַ! וואַרט! ווער לויפט עס דאָרטן?

און דאָרטן איז טאַקע געלאָפן, ניט קיין אַנדערער, ווי אונדזער באַקאַנטער וואַנדערער, דער בייזער שפּאַר-בער-פאַרדאַרבער, וואָס האָט געשמעקט מיט זיינע נאָז-לעכער דעם ריח פון יונגע, ווארימע פייגל-פעדערן, און קילע, שטילע פישעלאַך, וואָס ליגן ביי דעם פרישן קוואַל, און קענען אפילו ניט לויפן. ניט קיין פליגל האָבן זיי צו פליען, און ניט קיין פיס האָבן זיי צו לויפן, נאָר כאַפּ זיי טאַקע, און קלאַפּ זיי אוים די זיל-בערנע אייגעלאַך!

שמעקט ער, און לעקט ער, מיט זיין צינגל פאַר נחת. און דאָ טוט אַ פלי אָן מיט איין שפּרונג, און גלייך — בינג! — טאַקע גלייך אַריין אין טייך. מיט איין פאַל, און שוין אין קוואַל!

אָבער ווער איז דאָס? ווייל קיינער האָט דאָ גאָרניט **געזען!**

און דאָ איז ער שוין אונטערן וואַסער, און אָט, מיט איין מינוט, קומט ער צוריק אַרויס אַ נאַסער! אַ דריי מיטן פּיסל, אַ לויף אַוועק אַביסל, אַ פלי אַוועק אַ סך, און קיינער ווייסט ניט פון קיין זאַך!

ה

און אַז שפּאַרבער איז געקומען צו זיך, פון גרויס שרעק און וואונדער, וואָס דאָ איז פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעפלויגן אַזוי שנעל, האָט ער שוין גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז ער זוכט איצט עסן. זיינע גרויסע, ווילדע אויגן זיינען אים גלייך אַרויסגעפלויגן, און אַוועקגע־לאָפן זען, ווי דאָס הינטל פליט אַזוי ווי אַ ווינטל. אַ שפרונג טוט ער פון איין בוים צום צווייטן. — ער מוז באַגלייטן דאָס הינטל און ויסן וואָס ער וויל ויסן.

הינטל־פינטל, — פינטלט שפּאַרבער מיט זיינע אייגעלאַך. שפרינגל־שפרינגל, — שפרינגט הינטל מיט זיינע פיסלאַך, און צו ביסלאַך עפענען זיך גרויס און גרעסער שפּאַרבערס אויגן. און איין שפרינגעלע, און צוויי שפרינגעלאַך, און אָט שטייט ער שוין ווידער, נעבן די צוויי אינגעלאַך!

ו

זינגט הינטעלע און שפרינגט אַרום די אינגעלאַך אין אַ ראָד: —

איך האָב געפונען
אַ וואַסערל קלאָר,
און קיל און פריש,
און לויטער ביז גאָר!

ניט ווייט צו גיין.
און איין מינוט צו פליען.
אַ קוואַל אַזוי שיין.
און אַ בוים זאָלט איר זען, —
אין זיין נייעם בליען!

אוי, איז דאָס אַ בוים!
דער בוים פון אַלע ביימער!
און די פייגל זינגען דאָרט,
און די פישן טאַנצן דאָרט,
אַהין־אַהין לאָמיר גיין,
אַלע, אויף יענעם אָרט,
און איך וועל זיין אייער שומר!

הערן דאָס די אינגעלאַך, זיינען זיי טאַקע גאָר צופרידן. זאָגן זיי:

— קום, לאָמיר גיין, הינטעלע. לאָמיר זען דיין ווינטעלע.

און די קעצעלאַך מיט די פלעצעלאַך טאַנצן מיט אונטער זיי, אַזוי שטיל און גוט, גאָר אָן געשריי. נאָר הינטל, וואָס לויפט נאָכן ווינטל, שפרינגט און זינגט זיך גליקלאַך, זיינע שטיקלאַך געזאַנגען.

פלוצלונג טוט דאָ אַ טאַנץ אַריין אין מיטן, אונ־דזער שפּאַרבער־פּאַרדאַרבער, און איידער זיי דער־שרעקן זיך נאָך ניט פאַר אים, הערן זיי אַזאַ ליד:

ז

דאָס האָט געזונגען שפּאַרבער: —
גוטע קינדער און קעצעלאַך ברידער,

און אויך דו, גוטער הינטל,
הערט מיך אויס איצטער ווידער
נאָר אויף אַ ווייל — אַ פּינטל.

איך בין געווען ביז איצט שלעכט.
גערעכט. איך ווייס שוין אַצינדער.
לאָזט מיר, אָבער, ווייטער טאָן רעכט,
און מער ניט זיין קיין זינדער.

איך וויל זיין גוט און פיין.
איך וויל צוזאַמען מיט אייך זיין!

געהערט אַזוינס, שטייען די קעצעלאך מיט די פלעצעלאך און קוקן זיך איבער צום הינטל. שטייט הינטל, מיט אַ פּינטל-נאָך-אַ-פּינטל אין זיינע אויגן, און קוקט זיך איבער מיט די אינגעלאך. שטייען די אינגעלאך ברידער און קוקן אויף דעם שפּאַרבער מיט זיינע לידער, און ווייסן טאַקע ניט וואָס מען פאַנגט אָן, און וואָס זאָל מען טאָן.

זאָגט איינער צום צווייטן:

— וואָס קענען איצט זאָגן קליינע אינגעלאך, מיט קליינע צינגעלאך?

הינטעלע! הינטעלע!
הער אויף מיט דיין פּינטעלע!
זאָג דו די קליינע קינדער,
וואָס צו טאָן אַצינדער!

טוט הינטל אַ מאַך-צו דאָס פּינטל אויגל, אַרויס

שטעקט ער זיין לאַנגן צונג, לעקט ער אַריין און לעקט ער אַרויס.

זאָגן די אינגעלאַך:

— נו, אַז דו ביסט צופרידן, זיינען מיר אויך צופרידן. איצט וועלן מיר פרעגן קעצעלאַך מיט די פלעצלאַך:

קעצל, קיצל, מיצל,
מיט דיין פוס אַ קיצל,
מיט דיין צונג אַ לעק.
זאָג וואָס דו ווילסט זאָגן,
וועלן מיר מאַכן אַן עק,
און זיך נעמען טראָגן!

טוט קעצל אַ הויב דעם פעקל, אַ דריי דעם עקל. אַזוי ביידע קעצלאַך מיט די צוויי פלעצלאַך.

זאָגן די אינגעלאַך:

— נו, אַז אַלע זיינען צופרידן, זאָל שוין שפּאַרבער אויך זיין צופרידן! — וואָס זאָגסטו איצט, שפּאַרבער?

און שפּאַרבער האָט אַזוי געזאָגט:

ח

אינגעלאַך, ליבע לייט,
איר זענט דאָך גוט און וואויל.
זעצט זיך אַלע אויף מיין זייט,

װעלן מיר אַלע פֿליִען װײַט,
טרוקען איז מיר שױן אין מױל,
און צו עסן איז שױן צײַט!

טוט אַ שפּרונג הינטעלע, און ענטפֿערט:

װײַט, װײַט דאַרף מען ניט,
און די קעצעלאַך מיט די פֿלעצעלאַך
קענען דאָ אױך ניט בלײַבן!
נעם איך מיר קעצעלאַך מיט,
אױף מיר אַ רײַט, אין אײן װײַל־צײַט
װעלן מיר אַלע נחת קלײַבן!

זאָגן די אינגעלאַך:

גיכער, הינטל, ניט געטראַכט,
צו דעם װינטל שױן געבראַכט.

זעצן זיך אַרױף די קינדער אױף דעם שפּאַרבערס פֿליגל, און די קעצעלאַך מיט די פֿלעצעלאַך אױף הינטלס פּעל, און נאָך אײדער די זון װיל זײ טאָן אַ ברען, זײַנען שױן אַלע געװען, װאו די פֿײגעלאַך זינגען און שפּרינגען, און װאו די פֿישעלאַך גלאַנצן און טאַנצן, און װאו דער װאַסערל פֿאַלט און שאַלט, און װאו דער װינטעלע יאָגט זיך און טראָגט זיך, און די אינגעלאַך האָבן דערצײלט די פֿײגעלאַך די מעשה פֿון שפּאַרבער־פֿאַרדאַרבער. און די פֿײגעלאַך האָבן צופֿרידן

געפינטלט מיט די אייגעלאך, און זיי האָבן ביידע אַזוי געזאָגט, זינגענדיק:

אויף דיביימער וואַקסן ניס,
און אַ קוואל דאָ ביי די פיס,
ווער עס וויל זאָל קומען,
און אונדז הערן זינגען! —
טרינקט און עסט,
ליבע געסט,
און אין אונדזער
גרויסער נעסט,
ווען מיר אייער
פרייד צעקלינגען!

זאַגעדודל ליד.

זאַ־געַ דו־דיל זאַלץ אין זאַק.
טאַטע האַק —
האַלץ אַ סך.
מאַמע באַק —
ברויט אַ זאַק.
פויגל פּאַק —
פויגל פּיק.
איך קום באַלד —
אַרוים צוריק.

דער זומער טאָג.

ביינאַכט זיינען געפאַלן די זומער־קינדער פון די וואָלקן, און זיך אויסגעשפרייט אויף דעם פעלד אין גרין גראָז.

זיינען געקומען אַלע פרימאָרגן־פייגל, און זיך צעזונגען, טאַנצנדיק מיט די גרינע קינדער פון זומער.

איז דער געזאַנג אין טאַנץ פאַרוויקלט געוואָרן. און איינס אין צווייטן אין אַ פלאַנטער.

זיינען פייגל אויף קינדער־גרין, און קינדער־גרין אויף פייגל, אַוועק אין אַ ווייט.

און דער ווייט האָט געזונגען גרין:

אַהין, אַהין, וואו די קינדער פון זומער.
אַהין, אַהין, וואו די פייגל פון מאָרגן.
אַהין, אַהין, וואו עס ציען די פאַרבן.
אַהין, אַהין, וואו געזאַנגען דערלאַנגען.
דאָרט ברענגען מיר,
בויען מיר,
בערג פון —
— לויטער ליכט
טאָג.

זיינען אַנגעפאַלן די פרימאָרגן פייגל, איינגע־וויקלט אין קינדער־גרין.

און פיק, פיק, אין די בערג.

האָט זיך אויסגעפיקט דער לויטער־זומער־טאָג.

דער שניי מענטש

אַמאָל איז געווען אַ פויגל. האָט ער געהייסען קראָ. ווייל ער האָט שטענדיק געשריען:

— קראָ! קראָ!

איז ער געשטאַנען אויף אַ בוים, וואָס איז גע־שטאַנען אין גאָרטן באַדעקט מיט שניי, און געשריען צו די קינדער אין הויז אַריין:

— קראָ! קראָ!

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: קאַלט איז אין גאַס. אָבער משהלע, און יאַסעלע, און בערעלע, האָבן געלאַכט צו אים, און געשפּעט:

— קראָ! קראָ! — ביסט אַליין אַ קראָ! דיר איז קאַלט, ווייל דו קומסט פון אַ וואַלד. מיר האָבן אָבער אַ הויז, פון דאָרט אַז מיר קומען אַרוים, איז אונדז וואַרים, גוט און פיין!

זיינען זיי אַרוים, און גענומען קייקלען שניי, צו מאַכן אַ מענטש און דער פויגל האָט געקוקט, ווי זיי קאַטשען גרויסע קוילן, און געשריען:

— קראָ! קראָ! —

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: שניי איז קאַלט.

אַבער משהלע, און יאָסעלע, און בערעלע, האָבן געלאַכט און ווייטער קוילן געמאַכט און געשפּאַסט:

— קראַ! קראַ! — ביסט אַליין אַ קראַ! שניי איז ניט קאַלט און ניט הייס. און דו ווייסט ניט וואָס איך ווייס. פון שניי אַ מענטש מאַך איך און ער. וועט קומען פון וואַלד אַרויס אַ בער. בער האָט קיין שכל ניט. ער קען זען. אָבער ער קען גאָרניט פאַרשטיין!

אַזוי האָבן זיי אַלע געקייקלט און געוויקלט, און געמאַכט אַ שניי־מענטש לעבן בוים. און בערל האָט גיך אַרויפגעקלעטערט הויך, און פון דאָרט געוואָלט מאַכן דעם מענטש אַזוי הויך ווי דער בוים. שרייט אַרונטער צו אים דער פויגל:

— קראַ! קראַ! —

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: אַ פאַלשער מענטש דער מענטש פון שניי! אָבער בערעלע האָט געלאַכט, און יאָסעלע, און משהלע האָבן מיטגעלאַכט, און געשפּאַסט:

— קראַ! קראַ! — ביסט אַליין אַ קראַ! מיר שפּילן זיך, און ווילן זיך מאַכן אַ פאַלשן מענטש פון שניי. פויגל קראַ, פויגל שאַ, אדער שטיי, אָדער גיי.

אַז אונדזער פויגל האָט דאָס געהערט, איז ער שוין געוואָרן בייז. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען צום שניי מענטש, און גערופן:

— קראַ! קראַ! —

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: איך וועל דיר צעפּיקן! אָבער בערעלע, און משהלע, און יאָסעלע, האָבן אַלץ געשפּאַסט, און געלאַכט:

— קראָ! קראָ! — ביסט אַליין אַ קראָ! גיי זיך, שריי זיך הויך דיין געשריי. מיר דאַרפֿן גאָר באַוואַרפֿן דיך מיט קוילן שניי!

אַזוי האָבן זיי טאַקע גענומען קוילן שניי און אין געשריי אָנגעפּאַנגען אים יאָגן און שלאָגן. אָבער דער פֿויגל האָט צעפּיקעט און צעשטיקערט דעם שניימענטש אין שטיקער און אָוועקגעפֿלויגן צוריק אין דער הויך, און אַראָפּגעשריען:

— קראָ! קראָ! —

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: ניטאָ דער פֿאַלשער מענטש! אָבער בערעלע, און משהלע, און יאָסעלע האָבן נאָך געוואָרפֿן צו אים קוילן שניי, און געלאַכט, און געשפּאַסט:

— קראָ! קראָ! ביסט אַליין אַ קראָ! מיר וועלן דיך כאַפּן, שלעכטער פֿויגל, און וועלן צעקלאַפּן דיין בייזן אויגל!

זיינען זיי אַריין אין הויז, און זיך גוט אָנגעוואַרעמט. דערנאָך זיינען זיי צוריק אַרויס, מאַכן אַ שניי מענטש. דערווייל איז דער פֿויגל ווידער גוט געוואָרן, און ער האָט שוין אַראָפּגעשריען:

— קראָ! קראָ!

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: קומט, לאָמיר ווידער ווערן ברידער חבר! אָבער בערעלע, און משה׳לע, און יאָסעלע. האָבן געלאַכט, און געשפּאַסט:

— קראָ! קראָ! — ביסט אַליין אַ קראָ! מיר גייען מאַכן נאָך אַ מענטש פֿון שניי. שטיי דאָרט און שריי זיך דיין געשריי.

אַזוי איז שוין איצט אונדזער פֿויגל געווען צו־
פֿרידן. ער האָט געשריִען קראַ! קראַ! און זיי האָבן

געמאַכט נאָך אַ מענטש, ביז אין פֿינצטער־נאַכט אריין.
זיינען זיי אין הויז אַריין, און געזונגען:

פויגל הויך
שריי מיט כח.
רוף דעם בער אַרויס פון וואַלד.
זאָל ער קומען.
זאָל ער ברומען.
מיר אַלע גייען שלאָפן באַלד.

זיינען די קינדער איינגעשלאָפן. איז אַרויסגעקומען דער בער פון וואַלד. אויפגעגעסן דעם גאַנצן שניי מענטש. און אונדזער פויגל אויף דעם בוים האָט געשריען:

— קראַ! קראַ!

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: אַ פאַלשער מענטש, אַ מענטש פון שניי! און בערעלע, און יאַסעלע, און משהלע, האָבן דאָס געהערט אין זייער שלאָף, און הויך געלאַכט, און געשפּאַסט:

בערע וואַלד. בערע ווילד.
דו ווערסט ווערן צוגעקילט.
אונדז איז וואַרעם, דיר איז קאַלט.
דו וועסט שטאַרבן אין אַ וואַלד!

אַזוי האָבן זיי אַלע געלאַכט אין שלאָף, און געחלומ׳ט אַ גאַנצע נאַכט, ביז אין דער פרי.

די מיל

אויפן באַרג שטייט אַ מיל.
מאָלט זי שטענדיק קאָרן מעל.
פאָרן פורן באַרג אַרויף —
מיט קאָרן;
פאָרן פורן באַרג אַראָפּ —
מיט מעל.

נאָר שבת און יום טוב שטייט שטיל די מיל.
קומט אַ פויגל פון וואַלד אַרויס,
עפנט די פליגל און שפּרייט זיי אויס
איבערן גאַנצן באַרג הויך און איבער
דער גאַנצער מיל גרויס.
און רופט און שרייט אויס: —

מיין מיל!
מיין מיל!
מיין מיל!
מיין מיל!

הערן דאָס אַלע פייגל אין וואַלד,
די חברים און פריינט, יונג און אַלט.
יאָ, זיי ווייסן דעם פויגל,
יאָ, זיי קענען אים לאַנג.
גלויבן זיי אים און גלויבן זיין וואָרט,
און ציען אין שורות אין לאַנגע צו אים
און קומען און שטעלן זיך אוים אַרום מיל,
און מאַכן אַ כאָר און אַזוי זינגען זיי:

זיין מיל!
זיין מיל!
זיין מיל!
זיין מיל!

נידערט אַרונטער דעמאָלט דער פויגל,
דער רייכער פויגל, דער גוטער פויגל,
און׳איז זיי מכבד פון זיין ברייטער האַנט,
פון זיינע זיסטע, בעסטע, טרוקענע קערנער.
בענטשן זיי אים און בענטשן זיין מיל,
און פאַרברענגען, און שפּרינגען און זינגען זיך פריילאך,
ביז לאַנג נאָך דער נאַכט,
און וויים נאָך אין טאָג.

דער פּאַלאַץ פון אמת.

שוואַרצער מלך
פליט, ער גייט ניט.
קלאַפּ אין קאָפּ אים,
ער פאַרשטייט ניט.
שטעך זיין אויג,
און ער זעט ניט.
נאָר אַן אמת
ער פאַרדרייט ניט.

וואָס איר זאָלט ניט זאָגן אויף אים, שוואַרצער מלך זאָגט שטענדיק דעם אמת.

קומט ער אַהיים. אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן.

נאָר ער איינער פליט אַרום ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און קומט עסן נאָר ווען ער איז שטאַרק הונ־געריק.

— איך וויל עסן!

— אַזוי, דו ווילסט עסן? וואָס האָסטו גע־לערנט, דו טייערער אינגל, וואָס דו קומסט אַזוי שפּעט פון לערנען?

— איך ווייס גאָרניט. אַלע האָבן געלערנט.

— און דו?

—איך ווייס גאָרניט. אַלע האָבן געלערנט. —

זאָגט ער ווייטער און ווייטער, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און מען ווייסט ניט, וואו איין און וואו אויס מיט אים.

נעמט איינמאָל טאַטע־מאַמע, פאַר כעס, און טרייבט אים פון הויז אַרויס אין גאַס:

— ווייסטו גאָרניט, קריגסטו עסן גאָרניט. אַרויס! אַוועק פון הויז!

געהערט אַזוינס, נעמט ער די פיס אויף די פּליי־צעס, און גייט.

טאַטע־מאַמע שרייען אים נאָך:

— וואו גייסטו? וואוהין?

אָבער ער ווייסט ניט.

וואוהין גייט מען?

אָבער אַז מ'הייסט אַוועק פון הויז, אַז קיין עסן קריגט ער ניט, דאָס איז גענוג פאַר אים.

גייט ער אַרויס פון שטאָט. קומט אַריין אין וואַלד. געדיכטע וועגן פירן אים גלייך צום פּאַלאַץ פון אמת. נאָר ער ווייסט ניט קיין זאַך.

אבער דאָרטן, אין פּאַלאַץ, קאָכט זיך שוין, און די מוזיק שפּילט אַ לידל, וואָס אַ כאָר פון אינגלאַך און מיידלאַך זינגען אַזוי:

אַלץ וואָס איז ווייסן —
און אויך ניט ווייסן —
קומט דאַך און גייט דאָך —
אַהין — אַהער, — טאַקע אַהער!
אַהער — אַהער — לייכט און שווער!
פויגל פליט שנעל. בער קריכט שווער,
אַהער — אַהער — קוקט און זעט דאָך!
פון אַהין, פון אַהער —
צו אַהין, צו אַהער —
צום אמת!

שיקט אַרויס דער פּרינץ פון פּאַלאַץ פון אמת דעם ערשטן שליח צו די פאַרפּלאָנטערטע וועגן, צו זען, צי דער שוואַרצער מלך בלאָנדזשעט ריכטיק, צו געפינען און צו קומען צום פּאַלאַץ.

א

דער ערשטער שליח איז געווען ווינט.

טוט אַ פלי דער ווינט, און צעוויקלט זיך אין אַלע זיינע ווינטן־קליידער. אין איין קלייד טראָגט ער רעגן, אין איין האָט ער שטורם, און אין איין האָט ער אַלע קולות פון שרעק. וואָס פייפן און קוויטשן אַ מורא. און נאָך האָט ער זיידענע קליידער פון בלומען־פאַרבן, וואָס שמעקן טאַקע מיט אַלערליי בלומען־פאַרפומען, און וויקלען נחת, און ציקלען דרעמל־זיסקייט, און

שפּרייטן בלוי־ליכטיקייט, מיט געשמאַקהאַפטיקייט, וואָס איז בעסער פון אַלע עסנס און געטראַנקען אין דער וועלט.

לויפט אַן דער ווינט און וויקלט אַרום דעם שוואַרצן מלך אין אַ שטורם, און שלעפּט אים ביי די פּיס, ער זאָל פאַלן. און יאָגט אים פון פאָרנט און פון הינטן, ער זאָל זיך ניט קענען אויפשטעלן. און טרייבט אים אויף אַלע פיר, אַזוי ווי אַ קנויל, וואָס קאָן זיך ניט אַרויספּלאָנטערן.

זאָגט צו אים דער ווינט:

— שוואַרצער מלך, דיין טאַטע־מאַמע האָט דיך פיינט!

ברומט ער צוריק:

— איך וויים ניט.

— זיי ווילן דיר קיין עסן ניט געבן!

— איך וויים ניט.

— דו ווילסט ניט לערנען!

— איך וויים ניט.

— קום, שוואַרצער מלך, וועסטו באַלד געפינען אַן אַנדער טאַטע־מאַמע, וועלן זיי דיר געבן, וואָס דו ווילסט.

ער ליגט איינגעוויקלט אין ווינט און שטורם, און ער הערט שטיל צו, ווי עס פייפט פון אַלע זייטן און ס׳טראָגט אים, אָבער ער וואָלט שווערן: ער וועט זיך פון דאָרט ניט רירן.

ער קאָן ניט.

קיין אַנדער טאַטע־מאַמע וויל ער ניט.

ניין. פון אָרט ניט.

אָבער ס'טראָגט אים. עפּעס און ער פליט ווי א ווינט, און א רעגן שמייסט אים אַרום אין אַלע זייטן. שוועבל קנאַקט אַלע מאָל, און עס ווערט אַ בליץ, דערנאָך אַ דונער. אַלע ביימער פון וואַלד פאַלן שיר ניט אַרויף אויף אים. און דער ווינט פייפט אַרויס צו אים, און ער הערט:

— נעם אַן אַנדער טאַטע-מאַמע! קוק זיך איין אין בליץ, שפּאַלטן זיך אַלע הימלען, און זיי זיינען פול מיט טאַטע-מאַמעס. קענסט זיך אויסקלייבן די בעסטע טאַטע-מאַמע אין דער וועלט!

גיט אַ קנאַק אַ שוועבעלע פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. ציטערט דער וואַלד. עפנט זיך דער הימל. ער שרעקט זיך, מאַכט גיך צו די אויגן, און ער ענטפערט:

— ניין-ניין! איך דאַרף ניט. די בעסטע טאַטע-מאַמע איז דאָרט. ער ווייסט. אָבער ער דאַרף ניט — וויל ניט.

קנאַלט אַרויס אַ דונער און צעברעקלט זיין ענטפער אין ברעקלאַך. ער קוקט מיט אָפענע אויגן שוין, און ער וואונדערט זיך, ווי אַזוי יעדעס וואָרט זיינס צעפאַלט אין איינציק-באַזונדערע בוכשטאַבן. און די בוכשטאַבן אין נאָך קלענערע שטיק-שטיקלאַך, און זיי צעטראָגן זיך יעדעס שטיקל באַזונדער אַרום און אַרום מיט אַזאַ ראַשיקייט ווי ער וואַלט רייזיקע בערג צעוואָרפן.

— וויל — ניט!

און נאָך דעם רעש איז שטילקייט. ס'קלאַפּט זיין האַרץ הויך, און אַלע ביימער און ווינטן שטיל ענט-

פערן: טראק! — טראק! — טראק! שטיל זיי, הארץ. אָן טומל! דער גאַנצער וואַלד איז פול מיטן טומל. ער מאַכט צו די אויגן. האַלט שטאַרק צו מיט בײדע הענט אַ בוים, און וויל מיד אײַנשלאָפן. ערשט עס גיט זיך אַ וויג אַ זיסקייט פון זון־אָנגעוואַרימטע בלימעלאַך, וואָס גייט אויף מיט אַ פאַרע, און פליסט אַרײַן אין דעם מאַרך פון זײַנע בײנדעלאַך, און גיסט זיך אַריבער אין יעדן גליד־נאָך־גליד. אַזוי טרינקט ער די פאַרע מיט אַלע זײַנע אברים, מיט אַלע זײַנע באַוועגונגען, און זײַן הארץ אַרויף־אַראָפּ וויגט זיך ווייך, אַרומגענומען אין אַ ציטערדיקער ליבשאַפט. און אַ מאַמעס פינגער פילט ער באַרירט אים, און אַ מאַמעס צערטלאַכקייט הערט ער פרעגט אים, און טוליעט זיך צו אים:

— ווילסטו אײַנשלאָפן, אפשר?

— איך ווייס ניט.

— שווין לײַכטער, שווין גרינג דײַן הארץ, איצטער?

— איך ווייס ניט.

פילט ער ווי אַ ליבשאַפט־קוש פרעסט אים אָפּ אַ מידע זיסקייט, און פאַרשליסט אים מיט שלאָף זײַנע אויגן. און ער וואָלט שווערן, דאָס איז אַ טאַטע־מאַמע הויז, אַ טאַטע־מאַמע צו אים אַרום און אַרום אים, און אַזאַ היימישע ליבשאַפט וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט טויזנטער האַרציקע פעדים מיט אים, פון אים און צו אים, — אָבער ס'איז ניט זײַן טאַטע־מאַמע, ניין.

ער וויל ניט — וויל ניט — וויל ניט!

ער רייסט זיך מיט א שטאַרקייט פון א לייב. איבער זיין קאָפּ צעברעכן זיך ביימער און בערג און פאַלן שטיל אין טאָל אריין, ווי אַ חלום. און ער איז געבונדן און אַזוי ווי צוגעוואַקסן מיטן נאָפּל צו דר'ערד. און אזוי שלאָפט ער איין.

שיקט אַרוים דער פּרינץ פון פּאַלאַץ פון אמת א צווייטן שליח צו די פאַרפּלאָנטערטע וועגן, צו ווייזן דעם שווארצן מלך דעם ריכטיקן וועג צום פּאַלאַץ.

ב.

דער צווייטער שליח איז געוועזן חלום.

גיט זיך אַ יאָג דער חלום, און צעוויקלט אלע זיינע חלום-קליידער: קליידער פון צויבעריי, וואָס ווייזן וואונדער וואָס דאָס אויג קען גאָרניט באַגרייפן און פאַרכאַפּן; און זיי זיינען פון פארבן וואָס זיינען גאָר קיין פארבן ניט, ווייל אָט זיינען זיי אזוי און אָט אַנדערש. יעדער אויגנבליק איז א פאַרב. און קליידער פון אלע דריי הונדערט און צען פאַרלאַנגען: ווערן גרוים ווי די מאָס פון א ריז, ווען מ'וויל זיין א ריז, און קליין ווי א פליג, ווען מען וויל נאָר אַזוי. און זיי האָבן טאַקע אַלע געשטאַלטן פון די פאַרלאַנגען, און אַלע פאָרמען זייערע, און אלע קנייטשעלאך וואס זיינען מעגלאך און אפילו וואָס זיינען ניט מעגלאך: ווייל זיי קומען נאָך יעדן פארלאנג וואס קען נאָר געדאכט ווערן. קליידער פון יאָ-זיין און ניט-זיין. קליידער פון אויסטראכטעניש און לעגענדעריי, און נאָך פארשידענע אַלערליי קליידער פון גלוסטעניש און שיינקייט.

הערט שוואַרצער מלך אין שלאָף, און זעט מיט זיינע צוגעמאַכטע אויגן דעם חלום, וואָס זאָגט צו אים אַזוי:

—אַלצדינג וועסטו קריגן, גוטער שוואַרצער מלך, ווייל איך האָב דיך ליב. זע, דו ווילסט זיין איינער פון מיינע פרינצן? — נאַ דיר.

— איך ווייס ניט.

און נאָך איידער ער ענטפערט דאָס, וואָס ער הערט ניט וואָס, קומען צולויפן דינער פון אַלע זייטן. איינער טוט אים אָן אין פורפור־קליידער, איינער ברענגט אים זיידענע זאָקן, נאָך איינער צוואָגט אים צו זיין קעפּל און מאַכט אים קרייזעלאך, מעסט אים צו אַ היטל פון טויזנטערליי היטעלאך, וואָס זיינען אַלע זיין מאָס, און זיינען אַלע אַזוי שיין, אַז ער ווייס גאָרניט וועלכע ניט צו וועלן. אַנדערע פייפן פאַר אים אויף פייפעלאך, פּייקלען אויף פּייקעלאך, און פידלען אויף פידעלאך פון כל'ערליי סטרונעס אין דער וועלט. אַ ליכטיק מיידעלע טאַנצט אַריין פון ערגעץ ווייט—גאָר—ווייט, און טאַנצט צו צו אים, און גיט אים אַ קוש אין שטערן, און זי זאָגט:

— שוואַרצער מלך, איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר!

— ווער זשע ביסטו דען, וואָס איך קען דיך ניט, שיין מיידעלע?

— דו ביסט מיין ברודער. איך — דיין שוועסטער.

— ניין. מיין שוועסטער ביסטו ניט. דאָס איז ניט אמת!

— אמת! אמת!

— איך האָב דיך אָבער קיינמאָל ניט געזען מיט מיינע שוועסטער. איך קען אַלע מיינע שוועסטער.

— קום, קום מיט מיר אין פּאַלאַץ פון אמת, וועסטו זען, ס'אַ סך שוועסטער דו האָסט נאָך, — ס'אַ סך ברידער. קום! קום, שוואַרצער מלך!

נעמט זי אים אָן. זיי שוועבן טאַנצנדיק, און זיי וויגן זיך אָוועקגייענדיק אין מוזיק און געזאַנג, וואָס איז פול אַרום. ער וויל די אויגן אַ רייב טאָן און זען, אויב ער זעט דאָס ניט אויף וואָר. וואָרים ער גלויבט גאָרניט, אַז דאָס אַלץ איז מעגלאַך. הערט ער, ווי זיין שוועסטער זינגט אַרום מיט איר גלעקל־שטימע אַרי־בער אים:

— מאַמעלע, שוואַרצער מלך גייט מיט מיר!

זעט ער, ווי דער כישוף פון אַ חלום פאַלט אַרויף אויף אים, מיט מוטערלאַכער בענקשאַפט, און קושט אים אום זיינע אויגן מיט זיסקייט. פילט ער, ווי זיינע אויגן ווערן גרעסער און גרעסער מיט יעדער רגע. זעט ער אַזוינס, וואָס צוואַנציק טויזנט אויגן קענען גאָרניט זען; וואָס צוואַנציק טויזנט הערצער קענען גאָרניט פילן. און ער ווערט איינגאַנצן פול מיט אַזאַ גרויסן אויסגעשריי, וואָס הילכט באַלד אַרום פון דריי הונ־דערט און צען וועלטן אַריבער אים:

— מאַ—אַ—אַמע!

בייסט ער זיך גוט איין מיט זיינע אויגן אין דער מאַמעס ליכטיק געזיכט: ווי זיין שוועסטער איז זי. און זיין מאַמע איז זי. אָבער ניין. דאָס איז ניט זיין מאַמע! ער ווייסט ניט!

גיט אַ פלאַץ־אויף זיין אויגנבליק, און צעפּלאַצט

ווערט גלייך דער גאַנצער פּאַלאַץ ווי א זייפנבלאָז. נאָך
פילט ער די וואַרימקייט פון זיין נײַ קליין שוועסטערל
וואָס האַלט אים מיט איר הענטל. אַרום איז פינצטער.
נאַכט. וואַלד. און אין בלאַנדזשעניש טאַפּט ער אַרום
זיך מיט זיינע אויגנבליקן, מיט זיינע לאַנגע הענט, און
מיט זיין געשריי פון האַרצן אַרויס:

— דאָס איז ניט מיין מאַמע!

— דאָס איז ניט מיין שוועסטער!

אָבער דאָס געדויערט ניט קיין רגע. זיינע אויגן
זיינען צוריק פאַרשלאָסן אין דעם שווערן שלאָף. אַרום
איז צוריק דאָס זעלביקע, מיטן פּאַלאַץ, שוועסטערל, און
יענע מאַמע רעדט ווייך צו אים:

— שוואַרצער מלך, וואָס רעדסטו אַזוינס? ס'איז
אמת, איך בין דיין מאַמע. און דאָס איז דער פּאַלאַץ
פון אמת. ווייסט, דיין טאַטע האָט דיך אַזוי ליב!

— איך ווייס ניט.

— ווייסט, אַלצדינג אין פּאַלאַץ איז נאָר פון
דיינטוועגן!

— איך ווייס ניט!

— נאַרעלע, דיין טאַטע האָט אָנגעגרייט דאָ אין
פּאַלאַץ אַלצדינג אין דער וועלט, דיר זאָל קיין זאַך ניט
פעלן. ווּעסטו ווּיסן, ווי ליב ער האָט דיך!

גיט אים אַ צי זיין ליכטיק שוועסטערל צו א גאָל-
דענער פּאַווע, וואָס שטעלט זיך אַראָפּ לעבן זיי, און
זיי זעצן זיך אַוועק אויף דער פּאַווע, און זיין שוועס-
טערל רופט אויס:

— מיר פליען צום טאַטן, שוואַרצער מלך. איבער
דריי הונדערט מיט צען וועלטן איז אונדזער טאַטע,

און אזוי ווייט איז ער. נאָר די ליבשאַפט זיינע ברענגט אונדז אין איין מינוט צו אים. זעסט!

טוט אַ פלי אוועק מיט זיי די גאָלדענע פאַווע. און אירע פאַרבן בייטן זיך מיט יעדן פאַטש פון איר פליגל. און יעדער פאַטש קלאַפּט אָן צענדליקע וועלטן. פאַרבן מיט וועלטן גיבן זיך אַ וויקל, און אין איין מינוט זיינען זיי שוין ביי דעם טאַטן.

— טאַטע, שוואַרצער מלך איז דאָ!

דעם טאַטנס ווייכע, שוואַרצע באָרד ווערט ווייכער און שוואַרץ־שאַרפער, פון די אויגן וואָס שניידן זיך צו אים צו, מיט פאַרשטענדעניש. דער טאַטע ווייסט אַלץ וואָס ביי אים אויפן הארצן איז, און אַלץ וואָס ער וויל עס זאָל זיין אפילו. פון טאַטנס בליקן וועט ער ארויס־לייענען און ארויסקריגן אַלע זיינע באַגערן.

— שוואַרצער מלך, גיב אַ קוש דיין טאַטן!

האַלדזט אים די באָרד, מיט די אויגן, מיט דעם גאַנצן הארץ דעם טאַטנס. אַט דאָס איז אַ טייערער טאַטע! — טראַכט ער. און ער פילט, ווי זיי קושן זיך ביידע הארץ מיט הארץ אזוי פאַראייניקט, ווי ס׳וואָלט זיין ניט ער אַליין, שוואַרצער מלך, מיט זיין טאַטן, נאָר די גאַנצע וועלט מיט די אַלע דריי הונדערט און צען וועלטן האָבן זיך דאָ צונויפגעפלאָכטן אין איין קוש.

טאַפּט ער מיט זיין האַנט־פּאַר, און ער פילט, ווי די הענט וואַקסן, און זיי נעמען אַזוי ארום וועלט נאָך וועלט.

— טאַטע! — גרויסער טאַטע מיינער!

— וואָס נאָך ווילסטו, שוואַרצער מלך?

— איך ווייס ניט.

— אַלץ וואָס דו ווייסט ניט איז אמת. ווייל דו ביסט אַצינד אין פּאַלאַץ פון אמת. און אַלץ איז פון דיינטוועגן. דיינע שוועסטער — ברידערלאַך קומען!

האָט ארויסגעשטראָמט פון א קעמערל ערגעץ א ראָד אין אַ ראַנע, און מיט מוזיק און געזאַנג האָט מען אים אַרומגערינגלט:

שוואַרצער מלך, ברידער,
רינגלט אַ ראָד, אַ רינג!
ווידער רינגלט, ווידער,
אַ טאַנץ, א שפּיל, אַ זינג!

ברידער, שוואַרצער מלך
אַריין איז אין פּאַלאַץ!
לעבעדיק איצט, פריילאַך,
קלאַפּט א פּייקל, א טאַץ!

ברידער, אין ראַנע, אין ריידל,
נעמט אים אַריין — אַריין!
שוועסטער, איידל מיידל קליידל,
פריילאכער, פריילאַך זאָל זיין!

שוואַרצער מלך ווערט ברייטער ווי לענגער, פאר נחת. אָט דאָס הייסט פריילאַך! אזוי פריילאַך איז אים קיינמאָל ניט געווען! און די אלע שוועסטער־ברידער, ווי גוט זיי זיינען צו אים, און ווי היימיש ער איז מיט זיי. זיי זיינען דאָך קיינמאָל, דאכט זיך, ניט געווען מיט אים! און די טאַטע־מאַמע? — זיי אויך! — מאַמע! — טאַטע! דאָס זיינען דאָך גאר אנדערע

טאַטע־מאַמע. ווײ, ווײ איז אים! דאָס איז אפשר גאָר א חלום! און ער פארבייט זיין טאַטע־מאַמע, זיינע שוועסטער־ברידער!

— דאָס איז ניט אמת! —

רייסט ער זיך ארוים מיט אַ געשריי, און ער פילט, ווי אַלצדינג צעפליט זיך ווי א ווינטל. דאָס ווינטל קלאַפּט אים אין אויג אריין מיט פרישקייט פון א פול־שוואַרץ־פינצטער־וואלד. און איבערן וואלד טראָגט זיך נאָך דער לעצטער וואָרט זיינער אין אַ עכאָ ווייט—ווייט—ווייט:

— אמת!

— ניט אמת!

— אמת!

— ניט אמת!

ווישט ער צופרידן זיינע אויגן. —

זיין טאַטע־מאמע וועט ער קיינמאָל ניט אויס־בייטן. זיינע שוועסטער־ברידערלאך אויך ניט. גיין. שלאָפט ער גלייך ווידער איין.

איצט שיקט ארוים דער פרינץ פון פּאַלאַץ פון אמת דעם דריטן, שליח, דעם לעצטן שליח, צו די פאַר־פלאָנטערטע וועגן, צו ווייזן דעם שווארצן מלך דעם ריכטיקן וועג צום פּאַלאַץ.

ג.

דער דריטער שליח איז געווען ווירקלאכקייט.

שפּרייט זיך אוים די ווירקלאכקייט פאר זיינע אויסגעשלאָפענע, אויסגעקלאָרטע, פרישע, באַנייטע אויגן, און צעוויקלט אלע אירע קליידער: קליידער פון אָפענע גרענעצן און גרענעצלאָזיקייט: קליידער פון ווייטקייט און נאָענטקייט; קליידער געשטיקט פון הארץ, פון נאַטור. און זיי ריידן אין דער שפּראך וואָס איז פארשטענדלאך נאָר פון האַרץ צו הארץ, און זייער פאַרב איז אויך מער נאַטירלאך צו דעם הארץ, און אַנדערע פארשטייען דאָס ניט, און זעען און הערן דאָס אפילו ניט. און די ווירקלאכקייט וויקלט זיך שטיל אַרום דעם וואַלד, און אַרום אַלע ביימער, און אַרום גאַנצן ווייט, וואָס ליגט אויסגעצויגן פאר די אויגן פון שווארצן מלך. און שטיל שעפּטשעט זי צו אים אין אויער אריין:

— דיר איז גוט און וואויל, שווארצער מלך, ווייל איך בין מיט דיר.

— איך ווייס.

— איך האָב דיך ליב, איך בין דיין טאַטע־מאַמע.

— ניין, ניט אמת!

— אמת! —

קלינגט, און ווידער־קול ענטפערט אזוי שיין אין גאַנצן וואלד ארום, אַז ער ווערט שיר ניט פארכאפּט פון געקלאנג.

הערט ער זיך שטיל צו, און ער לייקנט ניט, אַז ער וואָלט וועלן נאָכאַמאָל הערן דעם שיינעם רוף־געקלאנג, אָבער ער ווייסט דאָך, ער איז דאָך זיכער, ס׳איז ניט אמת.

— ניט אמת!

— אמת! — אמת! —

הילכט שוין שטאַרקער, און אזוי ווי צוויי מאָל. און ער ווערט אַנטציקט פון דער האַרציקער זיסקייט וואָס דער קלאַנג פון די ווערטער פאַרמאָגט. וויל ער דאָס הערן נאָך אַמאָל. און ע ר הערט טאַקע:

— אמת! דיין טאַטע־מאמע בין איך. דיינע שוועסטער־ברידער בין איך. און וואָס דו ווילסט אליין בין איך. זאָג וואָס דו ווילסט, קריגסטו.

פון וווייטן הערט ער, ווי אַ ציג בלאָנדזשעט ערגעץ, און רופט:

— ציג־ציג! ציג־ציג! ציג־ציג!

הערט ער זיך שטיל צו. הערט ער, ווי ער טראַכט:

— איך וויל אביסעלע ציגן־מילך.

ענטפערט גלייך די זיסע ווירקלאכקייט ארום אים,
און ער ווערט פארכאפט פון דער ליבער הארציקייט
און פון דער שנעלקייט פון ענטפער :

— ציגן-מילך ! ציגן-מילך !

און די ווירקלאַכקייט פליט גיך ווי אַ ווינט, און זי ברענגט אים באלד די ציג אנטקעגן זיינע אויגן. ער גלעט זי, און זי פרייט זיך מיט אים, לעקט זיין האנט, זיינע באקן. און אין מויל טריפט אים ציגן־מילך וואַרימע, ווי ס׳איז ווארים איר גלעט פון צונג וואָס לעקט זיין האנט. און זיין נחת וואקסט. וואקסט אזוי דער טאָג, דער וואלד און אלץ מיט אים און ארום וואקסט מיט אים.

כאַפּט ער ארום מיט ביידע הענט די ציג און האַלדזט איר, און זעצט זיך אוועק רייטנדיק אויף איר און זיי ביידע צעזינגען זיך צוזאמען, פריילאַך, אין גאַלאָפּ.

ער נעמט זיך שוין פילן אזוי היימיש, ווי ער וואָלט דאָ געלעבט יאָרן לאַנג. און ער פליט פון בוים צו בוים. זשומט נאָך דעם זשום פון זומער־לעב, עכאָט נאָך דעם עכאָ פון וואלד ווייט. פארגעסט זיך אזוי, און ער מיינט, אַז ער אליין איז אַ שטיק וואלד.

— עה — הו! הע — הו? —

צעשרייט ער זיך מיטן וואַלד. אַמאָל פאַנגט ער אָן, און דער וואלד ענדיקט. אמאָל פאנגט דער וואלד אָן, און ער ענדיקט, און אַמאָל פאַנגען זיי ביידע אָן, און ענדיקן ביידע גלייך. אזוי פליט ער מיט דער ציג פריילאַך. און אָט קומט ער צו אַ טייכל.

פון בארג ארונטער, צווישן שטיינער, קוואלט עס קלאָר, און רופט צו אים:

— מלך! — מ — לך!

— ווער ביסטו?

— דיין ברודער בין איך און דיין שוועסטער בין איך. דיין טאַטע־מאַמע בין איך.

— ניט אמת!

— אמת! פאַרזוך מיין וואַסער, וועסטו זען, ווי געשמאַק, ווי ריין, ווי פריש!

גיט אים אַ ציִ דאָס וואַסערל צו זיך, און ער פילט זיך, ווי ער מיטן וואַסערל וואָלטן געווען צוזאַמענגע־וואַקסן. ער קען זיך פון דעם ניט אָפּרייסן.

קוקט ער אריין אין יענעם קלאָר וואַסערל. זיין גאַנץ געזיכט שיינט ארויס פון דאָרט.

ער וואַרפט אריין אַ שטיינדל. זיין געשטאַלט צעברעקלט זיך אין וואַסער. און באַלד ווערט ער ווידער גאַנץ. אַ גוט, אַ ניי וואַסערל איז דאָס. ער האָט דאָס ליב.

אָבער דאָס איז ניט זיין טאַטע־מאַמע. דאָס איז ניט אמת!

— אמת! —

הילכט צוריק צו אים די גאַנצע ווירקלאַכקייט אַרום. די ציג לעקט דאָס וואַסער, לעקט זיין האַנט, און ער פילט נאָך דאָס קיל וואַסערל אויף איר צונג. און אַ דאַנק זינגט זיין האַרץ דעם וואַסערל וואָס איז אַזוי גוט צו אים, און אויך צו זיין ציג.

אָבער וואָס זיצט ער דאָ? ווי לאַנג איז ער שוין דאָ? אפשר שוין יאָרן אַז ער איז דאָ. אַזוי דאַכט זיך אים. ער נעמט שוין בענקען אַהיים.

זעצט ער זיך ווייטער אויף זיין ציג. און ער, און די ציג, און דער גאַנצער וואַלד, שרייט:

— מאַמע!

און נאָך אימיצער פון גאָר־גאָר ווייט, דאָס איז געווען דער פּאַלאַץ פון אמת, ענטפערט אים:

— מאַמע!

— טאַטע!

— טאַטע! —

— טאַטע — מאַמע!

— טאַטע — מאַמע!

איז דאָס אים געווען א גרויסער וואונדער, ווי גאָר די וועלט שרייט אַזוי, און טאַטע־מאמע הערט דאָס ניט. אָבער דער אמת איז געווען, אז טאַטע־מאַמע האָט דאָס טאַקע יאָ געהערט.

עפּילאָג.

אַ גאַנצע נאַכט האָט טאַטע־מאמע קיין אויג ניט געקענט צומאכן, טראַכטנדיק, אז דער שוואַרצער מלך איז ערגעץ אוועק און צוריק ניט געקומען.

האָבן זיי זיך קוים דערוואַרט אויף דעם פרימאָרגן. זיינען זיי ארויס אין וואלד אים אויסזוכן.



די שוועסטער-ברידער זיינען אויפגעשטאַנען שפּעטער אביסעלע. טוען זיי א קוק:

— שוואַרצער מלך נאָך ניטאָ!

— טאַטע-מאַמע אויך ניטאָ!

— געגאַנגען אין וואלד אריין, אויפזוכן שווארצן מלך!

גייען זיי אזוי אלע וואלד-איין, וואלד אוים. און זייער געשריי רופט:

— מלך! — מלך!

ענטפערט זיי דער וואלד:

— מלך! — מלך!

וואָס גרעסער דער געשריי, אלץ גרעסער דער ענטפער פון וואלד.

און דער וואַלד איז געווען דער וואלד פון אלע וועלדער. ווייל דאָרט איז געווען דער פּאלאַץ פון אמת.

און אלע מענטשן גייען צום פּאלאַץ. צי זיי ווילן, צי ניט. צי זיי ווייסן דאָס, צי ניט.

און אלע וועגן פירן צום פּאלאַץ.

און אַלע הימלען, אַלע ביימער.

און צוליב די פילע וועגן; און נאָכמער: צוליב די פילע ביימער, זעט מען ניט קיין וואַלד.

בלאָנדזשעט מען וואלד-איין, וואלד-אוים, מיינענדיק, אז עס זיינען פאראַן אזוי פיל וועלדער.

דער אמת איז אבער, אז עס איז איין וואַלד אזא: דער וואַלד פון אלע וועלדער; דער אמת'ער וואלד פון פּאלאַץ פון אמת.

רופן די רופן אין וואַלד. ענטפערט די רופן דער

וואַלד. און אין פּאַלאַץ פון אמת זינגט שוין דער כאָר די ליד פון טאָג־באגער: —

הער! הער!
ווער עס וויל נאָר, ווער!
מענטש און בער.
ווערים, אָדער הינט.
הערט דעם־רוף אין ווינט.
ער טראָגט אייך באגער!
הער! הער! הער!

זאָגט טאַטע צו מאמע;
— שווארצער מלך איז ניטאָ אין וואלד.
ענטפערט די מאמע:
— ניטאָ אין וואלד.
זאָגט טאַטע:
— דארף מען גיין אהיים אוןווארטן ביז ער וועט קומען.
ענטפערט מאמע:
—וואַרטן ביז ער וועט קומען.
אבער ניט טאַטע און ניט מאמע הערן זיך איין, וואָס זיי זאָגן. זיי הערן זיך גאָר שטיל צו צום שטילן וואַלד, וואס רופט אזוי שטיל צו זיי, ווי א סוד אין אויער:
— ער איז דאָ.
— שוואַרצער מלך איז דאָ.
און די שוועסטער־ברידער, זיי רופן דאָרט ווייט:
— שוואַרצער מלך!

ענטפערט דער וואַלד:
— איז דאָ!
און שוואַרצער מלך, מיט זיין ציג, מיט דעם גרויסן וואלד, זיי אַלע רופֿן:
— מאַמע! — טאַטע־מאַמע!
ענטפערט דער וואלד:
— איז דאָ!



לויפֿט די ציג אין גרוים פרייד. און דער גאַנצער וואַלד וויים וואָס די פרייד באַטייט. ווייל ווירקלאַכ־קייט שאַלט און קוואלט איבער דעם גאנצן וואלד ווייט:
— שוואַרצער מלך!
— איז דאָ!
— טאַטע־מאמע!
— איז דאָ!
— שוועסטער — ברידער!
— איז דאָ!
און אַט פליט אַן די ציג אויף אַן אמת׳ען, און

שוואַרצער מלך טרעפט זיך אָן פּנים צו פּנים און אויג צו אויג מיט ניט קיין אנדערן, ווי זיין טאַטע־מאַמע.

— שוואַרצער מלך!

— טאַטע — מאַמע!

הערט זיך באַלד פון ווייט, פון וואַלד, דער געשריי פון שוועסטער — ברידער. און אַלע זעען איצט די ווירקלאַכקייט מיט זייערע אויגן.

אמת! ער איז טאַקע דאָ!

אַזוי פליט גיכער אַוועק די ציג מיט די פליגל פון ווירקלאַכקייט צום פּאַלאַץ פון אמת. און דער כאָר זינגט דאָרט אַנטקעגן דער ציג אַזאַ ליד: —

קום און נעם עס,
אין פּאַלאַץ פון אמת.
ציגל האָט פליגל געקראָגן.
שוואַרצער מלך
איז ווידער גאָר פריילאַך.
דאָס קען מען שוין נעמען זאָגן:
טאַטע־מאַמען צוזאַמען,
שוועסטער־ברידער ווידער,
האָט די ציג אים צוגעטראָגן.

אויער־האָן און קאַמער־הויז

אויער־אויער־אויער־האָן!
די מעשה הויבט זיך אָן!

קרייעט דער האָן: קו קו־רי־קו! ענטפערן אַלע הענער: קו־קו־רי־קו! ווערט ליכטיק־טאָג. כאַפּן זיך אויף אַלע הינדעלאַך־קינדער און זיי קרייען קינדיש פּיפּסנדיק:

— פּיפּס! פּיפּס! פּיפּס!

יאָגט זיי נאָך די מאַמע־הון:

— ניט אַזוי קרייעט מען! שטיל, קינדער, הערט זיך בעסער צו, ווי דער טאַטע קרייעט. אַט אַזוי קרייעט מען ביי לייטן!

לויפט אָן דער טאַטע־האָן מיט כעס:

— קו־קו־רי־קו! לאָז די קינדער פּיפּטשען! פּיפּס! פּיפּס! גוט אַזוי, קינדער. מאַמע, וואָס לאָזטו ניט די קינדער לעבן? קו־קו־רי־קו!

אַזוי ווערט שוין די מאַמע ברוגז. אָבער דעם טאַטע־האָן זאָגט זי גאָרניט. גייט זי. זעט זי אַ קעסטעלע מיט שטרוי. קוואָקעט זי, און זעצט זיך אַוועק:

— קוואָ־קוואָ! אין דעם קעסטעלע האָב איך

אויסגעטראָגן מיינע שיינע הינדעלאך־קינדער. קוואַ־
קוואַ! מיינע קינדער.

שטיל און שטילער קוואַקעט זי אַ ברוגזע אויף
דעם טאַטע־האָן. לייגט אַ ניי אייעלע. און שלאָפט
איין, וואַרמענדיק איר ניי אייעלע.

שמייכלט זי אין שלאָף, ווייל זי זעט אין חלום
אַ גרויסן, שיינעם צוגעפוצטן קאַמער, אויסגעבעט
אינגאַנצן מיט שטרוי. דער קאַמער איז פול־פול מיט
קליינע הינדעלאך־קינדער. און איבער זיי שטייט דער
טאַטע־האָן. און אַלע צוזאַמען קרייען אַזוי שיין:

— קו־קו־רי־קו!

קאַמער־קאַמער־קאַמער־הויז!
די מעשה לאָזט זיך אויס!



דער ווילדער הערש

1

זיבעצן סאָלדאַטן
לויפן באַרג אַרויף
לויפן באַרג אַראָפּ,
כאַפּן אַ הערשל
פאַר דעם קיניגס
ליב טעכטערל שיינדל,
וואָס ליגט קראַנק,
און וויל שוין שטאַרבן.

2

— סאָלדאַטן, סאָלדאַטן!
מיין מאַמע וואַרט אויף מיר,
מיין מאַמע וועט שטאַרבן,
מיין מאַמע וועט צעברעכן

אירע שיינע הערנער
אין שטיין, פאַר פאַרצווייפלונג,
אויב איך וועל ניט
קומען צו איר!

3

די סאָלדאַטן שיסן פיילן,
און לויפן באַרג אַרויף,
די סאָלדאַטן שיסן פיילן,
און לויפן באַרג אַראָפּ.
אַזאַ ווילד הערשל,
וואָס לאָזט זיך ניט פאַנגען!
ער עסט אויף די פיילן,
און עסט אויף דעם טאָג!

4

די סאָלדאַטן ציען בויגנס
אין דער פינצטערער נאַכט,
און לויפן באַרג אַרויף,
און לויפן באַרג אַראָפּ.
אַזאַ הייסע נאַכט,
פול פלאַם פייער!
דרייען זיך פונקען,
ווי שטערן — אַ וואַלד.
שלאָגן זיך שטערן אין שטערן.
אַ גאָלדן געקלאַנג,
אַזש פונקען שלאָגן.

5

גלאַן — אַ — גלאַן!
שיינדל געשטאָרבן!

זיבעצן סאָלדאַטן
לויפן באַרג אַרויף,
לויפן באַרג אַראָפּ.
באַלד קומט אַ באָפּעל,
זיבעצן קעפּ זאָלן פאַלן!
ווייל שיינדל איז געשטאָרבן,
און קיין הערשל איז ניט געווען.
אַזאַ ווילד הערשל,
האָבן זיי קיינמאָל געזען!
ער עסט אויף די קוילן,
און עסט אויף דעם טאָג,
און עסט אויף די נאַכט,
און עסט אויף די סאָלדאַטן,
וואָס לויפן באַרג אַרויף,
און לויפן באַרג אַראָפּ.

די שבת׳דיקע חלה

א.

אַמאָל איז געווען א רב מיט א רביצין.
דער רב האָט געהאט א שטעקן. די רביצין האָט געטראָגן ברילן.
שלאָפט אַיין דער רב. נעבן אים שטייט זיין שטעקן. שלאָפט איין די רביצין. נעבן איר ליגן די ברילן.
שפרינגט ארויף א ווייס קעצעלע. טוט אָן די שווארצע ברילן אויף איר ווייס נעזל. שפרינגט ארויף אַ מייזעלע, און נעמט דעם לאַנגן שטעקן.
ווייס קעצעלע אין די שוואַרצע ברילן זעט אז מייזל גייט מיטן שטעקל, האָט זי זיך דערשראָקן. ווייל אין די ברילן איז קליין מייזל געוואָרן א גרויסער שווארצער בער.
נעמט קעצל לויפן. זעט זי, שטייט אַ טעפל וואַסער מיט קליינע פישעלאך. אָבער אין די ברילן זעט זי דאָס אזוי גרויס, ווי א ים וואסער מיט גרויסע פיש. אזוי שפרינגט זי אין ים אריין און נעמט רייטן אויף א פיש.
רייט זי א גאנצן טאָג. ווערט נאכט. ווערט קעצל

הונגעריק. פארזוכט זי איין פיש. ערשט ער לאָזט זיך עסן. עסט זי נאָך א פיש. און נאָך א פיש. און וואָס מער די נאַשער-קעצעלע עסט, אלץ מערער וואקסט איר גרויסער אפעטיט. ווייל זי האָט נאָך אזעלכע גרויסע פיש קיינמאָל ניט געזען.

אויפגעגעסן אלע פישעלאך, וויל זי ערשט א טרונק וואסער. טרינקט זי און טרינקט, און וואס מער זי טרינקט, אלץ גרעסער צעוואַקסט זיך איר דאָרשט.

אַזאַ נאַשערקע איז געווען קליין קעצל!

אויסגעטרונקען דעם גאנצן ים וואסער, ווערט דאָס גאַנצע טעפּל טרוקן.

קעצעלע ווארימט עס, און ווארימט עס, און אזוי שלאָפט זי טאַקע איין אין טעפּעלע.

איצט גייען מיר זען דאָס שוואַרץ מייזעלע.

ב.

מייזל שטעלט אַ פּוס מיט זיין לאַנגן שטעקן.
קליפּ-קלאַפּ! קעצעלע לויפט. און ער לאַכט:

— מייזל, מיט זיין הייזל!

קוקן ארוים די מייזעלאך פון די נאָרעס. און זיי גלויבן ניט:

— איז דאָס דיין הייזל, מייזל?

ער ענטפערט:

— מיין הייזל.

גלויבן זיי נאָך אלץ ניט:

— אָבער, ווי אזוי?

ווייזט ער זיי דעם שטעקן:

— אָט! מיט דעם שטעקן.

איצט גלויבן זיי שוין.

גייען זיי אלע ארום פון זייערע לעבער. שטעלן זיך א ראָד ארום אים. און באוואונדערן, ווי ער קלאפּט מיט דעם שטעקן:

— קליפּ — קלאַפּ!

דערנאָך פּרואוון זיי געבן א טענצל, איינציקווייז, איינציקווייז, איבער זיין שטעקעלע.

איצטער, אזוי ווי מייזעלאך האָבן ליב צו טאַנצן, אזוי האָבן זיי מערער ליב צו עסן. און נאָך די פּריי־לאַכע טענץ זייערע, קענען זיי אפילו אויפעסן דעם רב׳ס לאנגען אַטלעסענעם ראָק, און דער רביצינס וואָלענע שטעק־שיכלאך.

עטלאכע קליינע פריילאכע מייזעלאך האָבן שוין אפילו פארזוכט די אטלעס מיט די וואָל. און עס איז געווען גארניט שלעכט. אבער מייזל מיט זיין שטעקל האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דעם טיש, און א קלאַפּ געטאָן, ווי א קיניג:

— קליפּ — קלאַפּ!

— וואָס? —

פרעגן אלע מייזעלאך, און שטעלן זיך שוין אויס גלייך, צו הערן וואס דער קיניג וויל זיי זאָגן.

זאָגט ער אזוי:

— איר מעגט שוין איצט זיין פיינערע לייט, ניט האַלטן זיך ווי פּראָסטע מייז פון די נאָרעס ארוים! היינט איז ערב שבת. באַלד איז שבת, און דער רב און די רביצין האָבן מיר איבערגעגעבן די גאנצע הויז מיט דעם גרויסן שטעקן. קליפּ — קלאַפּ! טשעפּעט זיי ניט! אַלצדינג וואָס איר ווילט, איז ביי מיר!

ווערן שוין אלע מייזעלאך פריילאך:

— מיר ווילן עסן! מיר ווילן שבת׳דיקע חלה!

ענטפערט מייזל מיט זיין שטעקן:

— קומט, צו דער שבת׳דיקער חלה!

אַראָפּ פון טיש, מיט זיין שטעקן פאָרויס. קליפּ—קלאַפּ! און אַלע נאָך אים.

ג.

די חלה אין קיך האָט געהערט, אז די מייזעלאך ווילן איר אויפעסן. האָט זי זיך באַהאַלטן אין ברויט-קעסטעלע.

פארקלאפּט די טירעלע הינטער זיך און ארויס-געשריען:

— חלה איז ניטאָ!

אָבער אלע מייזעלאך האָבן געוואלט חלה. און מייזל מיט זיין שטעקן: קליפּ—קלאַפּ! איז צוגעקומען נעענטער, און אָנגעקלאַפּט אין טירעלע:

— חלה, קום ארויס!

ענטפערט חלה:

— חלה איז ניטאָ!

שרייען אלע מייזעלאך:

— אַ ליגן! אַ ליגן! זי באהאלט זיך דאָרט!

קלאפּט מייזל מיט זיין שטעקן אין טירעלע:

— קליפּ—קלאַפּ!

און אַלע מייזעלאך טאנצן אַרויף אויף דאָס קעס-טעלע. און אלע קלאפּן צוזאמען:

— חלה! חלה! מיר ווילן חלה!

קלאַפּט זיי חלה צוריק־צו־צו:

— ניטאָ קיין חלה! ניט פאַר אייך! איר קענט ניט עפענען דאָס טירעלע!

שרייען צוריק די מייזעלאך:

— יע, מיר קענען! — —יע, מיר קענען!

שטעלן זיי זיך אַלע אויס הינטערן טירעלע. מייזל מיטן שטעקל גיט אַ קלאַפּ: קליפּ—קלאַפּ! און ער נעמט מיט זיינע שאַרפע ציין בייסן און רייסן דאָס קנעפּל פון טירל. אבער דרייען דאָס קנעפּל, קאָן ער ניט.

דער וואָס קאָן ניט דרייען דאָס קנעפּל, דער קאָן ניט עפענען די טיר.

בייסט ער שטאַרקער, און ער רייסט. און אַלע מייזעלאך נעמען זיך אָן מיט די שאַרפע ציינדעלאך איינער דעם צווייטן ביי די לאַנגע וויידעלאך ביז צום קיניג מייזל, מיט דעם לאַנגען שטעקן.

און מייזל מיט דעם שטעקן שרייט אויס, שוין אין כעס:

— אַלע צוזאַמען! רייסט! בייסט! חלה זאָל אַרויס!

— אַ מכה!

שרייט אַרויס חלה.

מיט די ציין רייסט מייזל דאָס טיר־קנעפּעלע. מיט די ציין רייסן אַלע און שלעפּן איינער דעם צווייטן ביי די וויידעלאך, ביז צום קיניג. און אַלע שרייען זיי אין גרימצאָרן, און אויך ווייל עס טוט זיי ווי דער בייסן אין וויידל.

אָבער קיינער וויל ניט אויסזאָגן, אַז עס טוט אים ווײ. ווייל זיי ווילן בעסער העלפן עפּעס.

ווערט זייער געשריי גרעסער און גרעסער, ביז א גרויסער קוויטש זייערער האָט אלעמען אויסגעזאגט, אַז זיי האָבן זיך צעריסן די ווײדעלאַך.

אלע, א חוץ דאָס לעצט מייזעלע וועמען קיינער האָט ניט געביסן און געריסן.

שרייט קיניג מייזל און ער וואַרפט שוין דעם שטעקן אוועק, אין כעס:

— מיין ווײדל!

שרייען אַלע, א חוץ דאָס לעצט מייזעלע:

— מיין ווײדל! מיין ווײדעלע!

דערשרעקט זיך דאָס לעצט מייזל מיטן ווײדל, און נעמט לויפן. לויפן איר אַלע נאָך.

און דער קיניג פארגעסט שוין זיין שטעקן, און ער קוויטשעט:

— איר ארבעט איז דאָס!

און אלע שרייען מיט, און לויפן איר כאפּן:

— איר ארבעט! — כאַפּט איר!

זי וויל אריינשפּרינגען אין איר נאָרע אריין. לאָזט מען איר ניט. זי שפּרינגט אויף דעם טיש. אלע לויפן נאָך. זי טאנצט אויף דעם רב ארויף, אויף דער רביצין. און אלע נאָך!

כאַפּט זיך אויף דער רב. כאַפּט זיך אויף די רביצין. הערן זיי, און זעען וואָס דאָ טוט זיך. שרייט דער רב:

— וואו איז מיין שטעקן?!

שרייט די רביצין:

— וואו זיינען די ברילן? !

דערשרעקן זיך אַלע מייזעלאַך. און קיניג מייזל, און אַלע נאָך אים צעלויפן זיך גיך אין זייערע נאָרעס. און ניטאָ!

קומט ארויס די חלה פון חלה-קעסטל, און זי נעמט דעם שטעקן, און טראָגט צו דעם רב:

— קליפּ—קלאַפּ! אָט איז דיין שטעקן!

זאָגט דער רב צו דער רביצין:

— שוין. די מייזעלאַך זיינען שוין אנטלאָפן. אבער דיין קעצל דאַרף מען גוט אָנקלאַפּן די ביינער. וואו איז דיין קעצעלע?

— זאָגט די רביצין:

— וואו זיינען מיינע ברילן? אָן די ברילן קאָן איך דיך גאַרניט זען!

זאָגט די חלה:

— די ברילן טראָגט קעצעלע. קעצעלע שלאָפט ביי מיר אין קיך.

זאָגט דער רב:

— אַזוי! די קאַץ איז אויך איינגעשלאָפן! ביסטו, רביצין, טאַקע שולדיק. מסתמא האָסטו ניט פאַרדעקט די פיש, האָט זי זיך דאָרט אנגעגעסן און איינגע־שלאָפן!

זאָגט די חלה:

— יע! אַזוי איז טאַקע געוועזן.

לויפט שוין אריין די רביצין אָן אירע ברילן אין קיך אריין. לויפט אויך אריין דער רב מיט זיין שטעקן. כאַפּן זיי טאַקע די קאַץ שלאָפן אין טעפּעל. קלאַפּט מען איר גוט—גוט—אָן איבערן קעפּל. און די חלה

שטייט און לאכט, ווי קעצעלע שפּרינגט ארויס און ווי זי טראָגט אוועק די ברילן אויף איר קֶעצל־נאָז.

האָן קריי, האָרן בלאָז.
דאָרטן יאָגט זיך גיך א האָז.
דאָרטן לויפט ער גיך ארויס.
איצטער איז די מעשה אויס.

דער בייזער לייזער

אָנהויב

אויפֿן הויכן באַרג, אויפֿן גרינעם גראָז, זיצן פֿייגעלאַך
און זינגען.
זינגען זיי, זינגען זיי אַ גאַנצן טאָג.
קומט ביינאַכט, קומט פֿון ווייט, פֿון די הימלען הויך
און ווייט,
קליינע־קליינע מענטשעלאַך, ווי פֿינטעלאַך, ווי
שטערנדלאַך.
טראָגן זיי קליינע גלעקעלאַך, קלינגען זיי אַ גאַנצע נאַכט.
שלאָפֿן איין די פֿייגעלאַך זינגענדיק,
ווען זיי הערן גלעקעלאַך קלינגענדיק:
דאַנג! — דאַנג! — דאַנג! —דאַנג! —
גוטע קינדער הערן גוט דעם קלאַנג.
גייען זיי אויך שלאָפֿן זינגענדיק,
און זיי הערן די גלעקעלאַך קלינגענדיק:
דאַנג! — — דאַנג! — — דאַנג! — —

איינס

אַמאָל האָט געוואוינט נעבן באַרג אַ מאַמע,
און זי האָט געהאַט אַ שלעכט אינגעלע.

אינגל שלעכטער, ברעכט ער, שטעכט ער.
אַלעמען שלאָגט ער, אַלעמען יאָגט ער,
אין הויז וויל ער ניט זיצן שטיל,
אין גאַס לאָזט ער ניט שפּילן אין שפּיל.
רופן אים אַלע: בייזער לייזער —
וואַקס שוין גרעסער, ווער שוין בעסער, —
אויפן באַרג, אויפן גראָז —
טוט ביינאַכט אַ ווינט אַ בלאָז —
גיט אַ גלעקל דאָרט אַ קלינג —
דינג! — דינג! — דינג! — דינג! —
— וואָס ווילסטו דינגען, באַלעבאָס?
— איך וויל דינגען דאָס און דאָס! —
דאָרטן גיי, דאָרטן שטיי, —
אַל׳דינג קריגסטו דאָרט ביי זיי!

צוויי

איז בייזער לייזער געלאָפן געשווינד,
געקומען אַהיים און געוויינט ווי אַ קינד,
ניט געוואָלט טרינקען, ניט געוואָלט עסן,
און ניט געקענט זיין כעס פאַרגעסן.
האָט ער געטראַכט,
ער וועט גיין ביינאַכט,
נעמען נעבן באַרג אַ שטיין,
און ער וועט כאַפּן און צעקלאַפּן
אַלע מענטשן דאָרט, אויפן אָרט,
מען זאָל זיי מער ניט זען!

דריי

איז געוואָרן נאַכט,

ווען אַלע קינדער גייען שלאָפן,
נאָר בייזער לייזער,
ניט דאָ געדאַכט,
איז פון דער היים אַנטלאָפן!

פיר

אויפן הויכן באַרג, אויפן גרינעם גראָז,
דאָרט וואוינט אַ פויגל מיט אַ שפּיציקער נאָז.
ער שאַרפט זיין נאָז אַלע פרימאָרגן.
אין יענעם שטיין טאַקע וואָס ליגט פאַרבאָרגן
הינטן טיף, פון באַרג דריי שפּאַן.
און ווער וואָלט גלויבן דען אַז עס איז פאַראַן
אַ פויגל אַזאַ וואָס זאָל קענען רירן
דעם שטיין פון פלעק?
איצט גייט פּאַסירן
אַז בייזער לייזער
טוט דאָרט אַ שמעק —
נו — נו! אַ סוף, אַן עק!
דער שטיין קומט צו לייזערן אָן.
און דאָ פאַנגט זיך די מעשה אָן!

פינף

— לייזער, וואָס טראָגסטו? לייזער, וואָס זעסטו? —
לייזער הערט ניט, לייזער זעט ניט,
און ער ענטפערט גאָרנישט ניט.
ניט ער קען זען, ניט ער קען הערן,
ביז ער מוז אַ גוטער ווערן!
אַזוי ווערט אַ געשריי, אַז אַלע קליינע מענטשעלאַך הערן:

לייזער דער בייזער! לייזער איז דאָ!
קלינגט אין די גלאָקן, און זאַמט ניט די שעה!
שטייט גרייט אין דער ברייט, אין דער לענג און הויך,
און ווייזט אייער כח!

זעקס

און לייזער ווייסט ניט, אָבער ער וויל שווערן:
עס גייט אַ רעגן.
ער נעמט זיך לייגן
פינצטער ווי נאַכט,
אָבער טרוקן.
פינטעלאַך, פינטעלאַך,
ווי מיט ווינטעלאַך
געטראָגן, געבראַכט.
ער קאָן שוין מער ניט קוקן,
זיי נעמען אויף זיינע ברעמען
זיך לייגן, און אויף די אויגן
שוין אָנגעפלויגן,
און אָט שלעפט מען גאָר דעם שטיין
ביי אים, און ער קאָן ניט פאַרשטיין
און קען גאָרניט זען,
ווער איז דאָס,
און וואָס?

זיבן

האָט שוין ניט קיין שטיין בייזער לייזער,
און וואָס העלפט אים זיין אַ בייזער?
צעלאָפן מיט אַ ווינטל איז פינטל נאָך פינטל.
איצט ליגט אַ נאַכט אויף באַרג און טאָל,

און ער האָט שוין מורא, אָט פאַלט אָן אַ הינטל
פון ערגעץ אין פינצטער, און וועקט מיט זיין קול.
און אָט כאַפּן זיך אויף אַלע פייגל אין אַ בייזער,
און גלייך אויף אים, מיט יענע שאַרפע נעזער,
פּיק און געפּאַקט! פּיקן אויס די אויגן,
און זיינען שוין אַוועקגעפלויגן!

אַכט

אויפן הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז,
דאָרט שטייט לייזער מיט אַ לאַנגער דינער נאָז.
לייזער, וואָס וויינסטו? לייזער, וואָס מיינסטו,
דיין מאַמע וועט וויסן וואו דו ביסט אַנטלאָפן?
היינטיקע נאַכט וועסטו מוזן שוין שלאָפן
אויף דעם הויכן באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז,
וואו עס שלאָפט יענער פויגל
מיט דער שפּיציקער נאָז.
שלאָף! מאַך צו דיין אויגל.
אַ גוטע נאַכט!

ניין

ער וויינט, און עס פאַלן ווי באָב זיינע טרערן.
ער איז אַזוי מיד.
און, ווי ער איז אַ איד! — ער וואָלט שווערן,
קליינע הענטעלאַך, ער וויים ניט פון ווען.
ער זעט דאָך ניט קיינעם,
אָבער ער פילט ווי זיי נעמען
און טראָגן אים, און ווישן זיינע ברעמען
וואָס פאַלן צו שווער,
און לייגן זיין קאָפּ, וואָס פאַלט אויך אַזוי שווער,

אויף דעם סאַמע שפּיץ פון באַרג,
אויף אַ גרינעם גראָז אַ ריינעם.

צען

באַלד שלאָפט ער איין, אָבער הערט און זעט אַלץ פיין:
פייגלען רוקן זיך צוזאַמען, טאַטע מיט מאַמען,
נעזער מיט אויגן, און פיס פאַרבויגן.
ברידער מיט שוועסטער טוליען זיך פעסטער:
— צו מאַכן פלאַץ פאַר נאָך אַ פריינט.
— בייזער לייזער איז געקומען היינט!

עלף

לייזער לאַכט שטאַרק: אויף נאַמנות, ער איז ניט קיין בייזער!
ער וואָלט אַלע פייגלען דאָ אויסקושן די נעזער,
ווען ער וואָלט איצט ניט שלאָפן!
אָבער ער וועט נאָך אויפשטיין, לאָמיר האָפן,
און דעמאָלט וועלן זיי זען אַלע צוזאַמען,
צי מען קען נאָך געפינען אַזאַ אינגל ביי אַ מאַמען!

צוועלף

און די קליינע מענטשעלאַך זעט ער שוין גוט ווי זיי לויפן,
און קלינגען מיט גלעקעלאַך וואָס הענגען זיי אויף די עקלאַך;
— גיכער, ליבע לייט, מיר דאַרפן נאָך קויפן:
מאָן אַ פּאָר זעקלאַך, שוועבעלאַך עטלאַכע פעקלאַך,
און מיר האָבן היינט פאַרשפּעטיקט. דינג! דינג! —
היינט דינגט מען ניט, היינט גיט מען וואָס מע וויל.

מיר האָבן פאַרשפּעטיקט צוליב דעם יונג,
איצט שלאָפט ער שוין גוט. דינג! — דינג! —

דרייצן

זיי לויפן. קלינגען. און דינגען זיך ניט.
און שלעפן אַהין און אַהער,
און שווינדן ווי הינדן גיך אין סאַמע מיט,
און פאַלן דאָרט, ווי זאַמדן, שווער,
אין דעם באַרג, אין דעם גראָז.
אַ ווינטל פון נאַכט טוט אויף זיי אַ בלאָז,
זיי זיינען אין באַרג שוין פאַרשוואונדן געוואָרן.
קלאַנג! — קלאַנג! — דאָס הערט זיך נאָך לאַנג.
איידער עס ווערט ערגעץ טיף פאַרלאָרן.
באַלד נעמען זיך טראָגן
ווייסע טויבן, ווי טאָגן,
פאַרטונקלט אין שוואַרצקייט פון נאַכט.
און וואָס מערער עס טראָגן,
אַלץ מערער נעמט טאָגן,
און נאַכט פאַרשווינדט אין אַ פּראַכט!

פערצן

איצט ווייסט שוין לייזער, אַז די טויבן פאַכן אַ ווינטל.
וועט קיינער שוין ניט שלאָפן. אַן אויגל אָפן, אַ פינטל,
באַלד נעמען שוין פינטלען אַלע אייגעלאַך.
אַ פינטל אַהין, אַ פינטל אַהער.
און אַלע צוזאַמען, ער מיט די פייגעלאַך,
צעלאָזן די העלדזער אין אַ ליכטיקן זינגען.
טויבן פאַכן אָן טאָג מיט די פליגל,

און פּאַכן אין טאָל דאָרט,
און לאָזן זיך אַרונטער שווער,
אין טאָל דאָרט, אין טאָל דאָרט!
לאָזט זיך אַלע אַראָפּ אין אַ זינגען,
ער מיט די פייגל, אַראָפּ פון באַרג,
אין טאָל דאָרט! אין טאָל דאָרט!

פופצן

לעבן הויכן באַרג, לעבן גרינעם גראָז,
דאָרט אין טאָל, איז געלעגן אַמאָל
שטיינער אין אַ זייט, אויך דאָרט ניט ווייט,
אַ קוואַל מיט אַ וואַסער־פאַל.
איצט זעט שוין לייזער, צו וואָס זיי שטייען!
אַ שפּרונג יונג פויגל, אַ וואַש דאָס אויגל,
און אַ טאַנץ אין קוואַל, און צוריק אַרוים אַ פּראַל,
איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער.
האָט לייזערן פאַרדראָסן, פאַר וואָס ניט ער
איז אויך אַ פויגל ווי זיי.
איז ער אַרונטער דאָרט צו זיי,
און פאַרזוכט פון וואַסער, וואָס האָט אַזוי געשמעקט.
אַזוי זיס דאָס וואַסער, ער האָט זיך באַלעקט!
איצט, וואָס זעט לייזער, פאַר זיינע אויגן? —
אויב דאָס איז ניט זיין גאַס, געוויס!
הויבט ער געשווינד אויף זיינע פיס,
און לויפט אַהיים דערציילן גיכער,
זיין טאַטן און זיין מאַמען,
וואָס ער האָט אויף דעם באַרג געהערט און געזען.
אַלע וועלן זיך פרייען, זיכער,

און ער אויך מיט זיי צוזאמען,
וועלן זיך אַלע פרייען!

זעכצן

אַזוי און אַזוי, הערט אַלע אוים!
איצטער איז די מעשה אוים!

א מעשה מיט אַ פיש.

א

פויגל פי, פויגל פלי.
איך גיי דערציילן אַ מעשה.
א מעשה מיט אַ פי־פי־פי —
מיט אַ פיש אַ מעשה:

שלום האָט געזען אין חלום אַ פיש קומט אַרויס פון ים. און שלום האָט טאַקע געוואוינט נעבן ים, און פיש האָט ער אויך געזען א סך. אָבער אַזאַ פיש האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. ווייל דאָס איז טאַקע געווען דער לויתן, דער טאַטע פון אַלע פיש און דער גרעסטער. און ער איז טאַקע אזוי גרויס, אזוי ווי אַלע פיש צוזאַמען. און ער וואוינט טאַקע אין אַלע זיבן ים'ען צוזאמען. איצט קענסטו שוין וויסן!

נו, אַז ער האָט געזען אַזאַ פיש, האָט ער זיך טאַקע דערשראָקן. האָט ער געטאָן אַ גרויס געשריי, און זיך געוואָלט אויפכאַפּן פון זיין שלאָף, ווייל זיין מאַמע איז דאָך געווען נעבן אים. און אַז ער זעט די מאַמע האָט ער שוין פאַר קיינעם קיין מורא ניט.

זוני מאוד

טוט ער אַבער אַ קוק, שטייט נעבן פיש טאַקע אַ קליין אידעלע, אַזוי גרויס ווי שלום, אָבער מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד. און דער איד לאַכט צו אים, און רופט:

— שלום! שלום! — קום נאָר אַהער צו מיר.

גייט ער צו, און ווייסט ניט ווער עס איז טאַקע דאָס קליין אידעלע. אָבער ער וואָלט שווערן, אַז דאָס איז טאַקע נישט קיין אַנדערער, ווי אליהו הנביא. פרעגט ער:

— זיידעלע, זענט איר ניט אליהו הנביא?

ענטפערט טאַקע דער זיידע:

— געוויס בין איך! ווער דען בין איך?

זאָגט שלום:

— טאַקע. איך האָב דאָס שוין פריער געוואוסט.

פרעגט דער זיידע:

— וואָס זשע האָסטו מורא געהאַט און גענומען שרייען פריער?

זאָגט שלום:

— ווייל איך האָב דיך ניט געזען, זיידעלע.

לאַכט אליהו הנביא:

— האָסטו ניט דערקאַנט דעם פיש? דאָס איז דאָך טאַקע דיין פיש, דער לויתן!

האָט זיך שלום פאַרשעמט:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן.

איצט עפנט אויף דער לויתן זיין גרויס מויל, איז דאָס אַזוי גרויס, אַזוי ווי דער הימל שפּאַלט זיך. זעט ער שלום, אַז צווישן איין צאָן פון לויתן און זיין צווייטן, איז ווי אַ מאַרמאָר שטיין גאַס, וואָס ציט אַ וועג אינעווייניק צו אַ גרויסן גאָרטן, מיט אַלערליי

ביימער, באַגאָסן מיט ליכטיקע שטראַלן פון קרים־טאַלן און איידלשטיינער. און אליהו הנביא זאָגט טאַקע צו אים:

— אַצינד וועלן מיר ביידע אַריינגיין אין דעם לויתן. דו ווייסט דאָך, דער לויתן איז פריער געלעגן אין דעם ים אַנטקעגן גן־עדן. אָבער ער איז שוין אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ער האָט פאַרנומען אַלע ים׳ען. און צו זיין זיכער מיט זיין גן עדן, וואָס ער דאַרף היטן, האָט ער אים איינגעשלונגען!

האָט זיך שלום שטאַרק פאַרוואונדערט, און אויסגעשריען:

— אַ־וואַ!

און טאַקע באַלד זיינען זיי שוין געווען אין פיש.

ב

דער לויתן האָט צוגעמאַכט זיין מויל. אָבער אין זיינע נאָזלעכער האָט אַריינגעשיינט דער גאַנצער טאָג, וואָס איז שוין אַרויסגעפאַלן מיט זיין ווייטן ליכטיקן הימל און ערד. דערנאָך האָט ער געטאָן אַ דריי מיט זיין וויידל, ערגעץ ווייט אין סוף וועלט, אַריינגעפליסקעט מיט זיין קאָפּ אין גרויסן ים אַריין, און פון דאָרט, נעבן זיין וויידל, איז זיך עפּעס צעפאַלן אין שטיקלאך איבערן וואַסער.

זאָגט אליהו הנביא:

— קום אַהער, שלום, און שטעל זיך מיט מיר דאָרט, נעבן רעכטן אויג פון לויתן, וועל איך דיר עפּעס ווייזן.

ערשט איצט זעט טאַקע שלום, אַז אליהו הנביא

האַלט אין זיין רעכטער האַנט אַ קליין שטעקל וואָס, אַז ער וויל לייגט ער עס צונויף ווי אַ שטריקל און לייגט עס אַריין אין זיין אויבערשטער קליינער קעשע־נע, וואו עס שטעקט אַרוים אַ רויט ביכעלע מיט אַ בלייפעדער.

וואונדערט זיך ווייטער שלום:

— אָ־וואַ! —

און גייט צו צום אויג־פענצטער.

— אָ־וואַ! —

שרייט ווידער אוים שלום, ווייל ער האָט אַזוינע וואונדער געזען דורכן פענצטער. פרעגט אים אליהו הנביא:

— וואָס זעסטו, שלום?

ענטפערט ער:

— איך זע דאָך איצט אַזוי פיל, זיידעלע, אַז איך קען דיר ווייזן, וואו איז דער אָנהויב וועלט, און וואו איז דער סוף!

לאַכט גוט דער זיידע:

— זעסטו שוין! דאָס איז די ליכט פון אַלע זיבן זונען, וואָס דו קענסט נאָר דאָ געפינען, וואָס ווייזט דיר אַזוי פיל. וואָס זעסטו דאָרטן, אין סוף וועלט?

— איך זע, ווי יענער עק וועלט קערט זיך איבער אין ים אַריין, מיט אַלע הייזער, און מענטשן, און פעל־דער, און אַלץ מיט אַנאַנדער!

זאָגט אליהו הנביא:

— דאָס איז גאָרניט, שלום. דאָס זיינען שלעכטע מענטשן. איך בין דאָרט פריער ניט לאַנג געווען, מיט עטלאכע יאָר צוריק, און נאָך עטלאכע מאָל פריער און

שפּעטער, און זיי געוואָרנט, און זיי האָבן מיך ניט גע־וואָלט הערן און פאָלגן.

פרעגט שלום:

— וואָס אַ בייז האָבן זיי געטאָן אַזוינס, גוטער ייִדעלע?

אליהו ענטפערט:

— אָ, שלום, גרויס בייז האָבן זיי געטאָן! זיי זיינען געלאָפן אַהינצו זוכן גאָלד. ווייסט דאָך, אין סוף וועלט די הויכע בערג. דאָרט פלעגן זיך באַהאַלטן אַלע גזלנים און רויבער, און באַגראָבן זייער רויב פון אוצרות פון גאָלד און זילבער און בריליאַנטן. זיינען געקומען גרעסערע רויבער, און יענע רויבער אויסגע־הרג׳עט, און צוגענומען זייערע אוצרות מיט גאָלד. האָט מען געהערט אַז אין יענעם סוף וועלט ליגט באַ־האַלטן גאָלד אין די בערג, האָבן זיך מענטשן געלאָזן זוכן יענע בערג. האָט מען זיך גע׳הרג׳עט איבער יעדן באַרג. און איין בייזקייט האָט געוואָלט איבער־יאָגן די צווייטע, צו פאַרכאַפּן נאָך בערג מיט גאָלד. האָב איך געהייסן דעם לויתן, ער זאָל זיי, און זייער לאַנד אַריינוואַרפן אין ים אַריין, און אַ סוף!

— אָ־וואַ! — האָט זיך שלום געוואונדערט. און אליהו הנביא האָט אַרויסגענומען זיין שטעקעלע פון קעשענע און פאַרבויגן איין האָר פון לויתנ׳ס אויבערשטן ברעם. האָט לויתן צוגעמאַכט זיינע אויגן.

זאָגט אליהו הנביא:

— איצט האָב איך איינגעשלעפערט דעם לויתן, און זאָל ער רוען מיט זיין ווייַדל. ווייל עס דאַרף באַלד אָנקומען אַ שיף מיט אידן, וואָס פאָרט קיין

אַמעריקע. קום, שלום, וועל איך דיר ווייזן אַביסל אונדזער גן־עדן.

ג

האָט אליהו הנביא גענומען זיין שטעקל און אָנ־געריר׳ט אַ ווייסן מאַרמאָרשטיין, וואָס איז געלעגן נעבן זיינע פיס, ערשט זעט טאַקע שלום, אַז דאָס איז ניט קיין מאַרמאָרשטיין, נאָר אַ גרויסער, ווייסער, אַלטער לייב, וואָס נעמט אַרוים זיין קאָפּ פון ערגעץ אַ ווייסע שטיק ליכטיקייט, וואו ער איז געלעגן און געשלאָפן, און ווישט אוים מיט צוויי פיס זיינע פאַרשלאָפענע אויגן, און טוט אַ גרויסן פריילאכן געשריי, וואָס צע־פאַלט אין שטיקלאַך, און מאַכט אומעטום אַן רוישיקע פרייד.

רופט אוים שלום פאַרוואונדערט:

— אַ־וואַ!

זאָגט אליהו הנביא צו אים:

— וואָס זעסטו, שלום?

ענטפערט שלום:

— מען זינגט דאָך דאָרטן. זע נאָר, זיידע! מען טאַנצט. מען שפּילט. און מען פרייט זיך, ווי די גאַנצע וועלט!

אליהו הנביא לייגט אַריין זיין שטעקל אין קע־שענע, און ווייזט מיט דער האַנט אַרויף־צו־צו:

— דאָרט ווייסט מען שוין איצט, אַז מיר קומען. דער לייב האָט דאָס זיי אָנגעזאָגט. מיר וועלן זיךביידע אוועקזעצן אויף אים, און אַריינרייטן אין גן־עדן טאַקע.

אליהו הנביא האָט אוועקגעזעצט שלום'ען אויף דעם לייב, דערנאָך האָט ער זיך אויך אוועקגעזעצט, און זיי האָבן גערייטן, און גערייטן אין פריילאכן גאַלאָפּ. און איצט ערשט האָט שלום געזען, ווי ווייט דער גן־עדן איז פון זיי. אָבער זיי האָבן אים געזען ווי ער וואָלט געווען נעבן זיי. דאָס האָט אים טאַקע זייער געוואונדערט:

— אַ־וואַ! —

שרייט שלום, ס'אַרא לאַנגקייט עס נעמט צו־צו־רייטן! און פון זען און הערן האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז דאָ־אָ איז עס! ווי ווייט נאָך איז דער גן־עדן, זיידעלע?

זאָגט אליהו:

— דו פרעגסט מיך אַ שווערן פרעגן, שלום, מיין קינד, און קיינער קען דיר אויף דעם ניט ענטפערן. ווייל די גרויסע ווייט האָט מען נאָך ניט אָפּגעמאָסטן. עס איז אַזוי ווייט, אַז דעם לייב נעמט עס אַזוי פיל טעג מיט נעכט צו רייטן ביז אַהין, ביז ניט איבער־צוציילן! אָבער פאַר דיר, שלום, וועל איך שוין מאַכן אַזוי, אַז מיר זאָלן קומען אַהין ביז נאַכט.

האָט זיך טאַקע שלום זייער געוואונדערט:

— אַ־וואַ, זיידעלע! אָבער, ווי אַזוי מאַכסטו דאָס אַזוי?

— אָט אַזוי! —

זאָגט אליהו. ער נעמט אַרויס זיין שטעקל פון קעשענע, און טוט אַ מאַך איבערן לייב. און באַלד, אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען עס איז געוואָרן נאַכט, זיינען זיי געקומען צו די טויערן פון גן־עדן.

און די טויערן פון גן־עדן זיינען טאַקע געווען פון טייערע איידלשטיינער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ריינע קוואַלוואַסער אנטקעגן דער ליכטיקער לבנה. און די ליכט אַרום און אַרום האָט טאַקע געוואָרפן אַזאַ שיין, אַז דער לייב האָב איצט אויסגעזען אין זיין ווייסקייט ווי זילבער. איצט האָט גענקניט דער לייב, און זיי ביידע זיינען אַראָפּגעגאַנגען.

האָט זיך געעפנט פאַר זיי דער ערשטער טויער, און פון דאָרט איז אַרויס אַ געזאַנג, באַגלייט פון מו־זיקטענער פון אַלערליי שפּיל כלים. און שלום האָט געהערט:

ראובן עפן דעם ערשטן טויער,
שמעון עפן דעם צווייטן!
לוי עפן דעם דריטן טויער,
יהודה עפן דעם פערטן.
יששכר עפן דעם פינפטן טויער,
זבולן עפן דעם זעקסטן.
בנימין עפן דעם זיבנטן טויער,
דן עפן דעם אַכטן.
נפתלי עפן דעם ניינטן טויער,
גד עפן דעם צענטן.
אָשר עפן דעם עלפטן טויער,
יוסף עפן דעם צוועלפטן!

צום סוף האָט געטאָן אַ בראַזג דער טאַצן פון טעץ, וואָס איז צעגאַנגען ווי אַ דינער ווייסער רויך, הויך און ווייט, און דערנאָך איז געוואָרן א שטיל־קייט.

צווישן איין טויער און דעם צווייטן איז טאַקע געווען אַזאַ ווייט, ווי אַ גאַנצע וועלט, און פול מיט טומל, און מענטשן, און געזאַנג, און פרייד. אָבער אליהו הנביא האָט שוין געמאַכט מיט זיין שטעקעלע אַזוי, אַז עס האָט ניט געדויערט מער ווי צוועלף טריט און צוועלף אויגנבליקן און זיי זיינען שוין אַריבער אַלע צוועלף טויערן, און אויסגעזען אַלצדינג וואָס דאָרט איז געווען.

און אליהו הנביא האָט געזאָגט:

— מיר וועלן שפּעטער נאָכאַמאָל דאַרפן דורכגיין די צוועלף טויערן, וועלן מיר זיי אפשר קענען בעסער באַקוקן. ווארום דאָרט זיינען נאָך געבליבן געגנוג זאַכן, וואָס מיר דאַרפן זען, אויב מיר וועלן נאָר האָבן צייט דערצו. איצט מוזן מיר זיך באַלד זעצן צום טיש, וואָס ווערט שוין געמאַכט פון אָנהויב פון אַלע וועלטן פון הונדערטער דורות צוריק, און וואָס וועט ערשט פאַרטיק ווערן צום סוף פון אַלע וועלטן, וואָס דאָס איז צום סוף פון דרייהונדערט מיט צען וועלטן מיט דורות. איצט האַלט מען ביי דיין דור, און דו וועסט זיך זעצן ביי דעם סוף פון טיש, וועסטו דאָרט טרעפן דיינע באַקאַנטע.

זיינען זייביידע צוגעגאַנגען מיט איין טריט, און זיי זיינען שוין געווען ביי דעם עק פון טיש, וואו אַזוי פיל וועלטן מיט מענטשן זיינען געזעסן נעבן כוסות מיט וויין און גערעדט, און געוויזן אויף שלום׳ען מיט די פינגער, און געזופּט פון זייערע כוסות. איצט וויל זיך שלום אַוועקזעצן נעבן אליהו הנביא, ערשט ער זעט טאַקע זיין טאַטן.

— טאַטע! דו ביסט אויך אין דעם לויתן! און וואו איז די מאַמע?

זאָגט דער טאַטע צו אים:

— מיר זיינען אַלע דאָ, שלום. דער זיידע אויך, און די באָבע אויך, און דיין באָבעס טאַטע, און אַלע טאַטעס און מאַמעס פון אַלע זיידעס און באָבעס פון דער גאַנצער וועלט.

איז צוגעקומען די מאַמע מיט איר טאַטע-מאַמע, מיט דעם טאַטנס טאַטע-מאַמע, מיט זייערע טאַטע-מאַמע, מיט אַזויפיל טאַטע-מאַמעס, אַז שלום האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיין צונג אַלעמען צו ענט־פערן. און אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואס שלום טוט.

— שלום, קום נאָר צו דיין זיידן!

— שלום, קום צו דיין באָבן!

— שלום, איך בין דיין זיידעס באָבע!

— שלום, איך בין דיין מאַמעס זיידע!

— שלום, קום צו דיין זיידנס עלטער-זיידן!

אָבער שלום האָט געוואָלט צו אַלעמען ריידן און אַלעמען ענטפערן. און אַלעמען האָט ער אַזוי ליב געקראָגן, און מיט אַלעמען געוואָלט זיין, און מיט אַלעמען געווען אַזוי באַקאַנט פון לאַנג. און שוין געמיינט, אַז ער איז אויך אַזוי אַלט, ווי די אַלע זיי־דעס. אָבער שלום האָט געשריען מיט זיין יונגן קוויטש צו זיין טאַטן:

— טאַטע, נעם די אַלע זיידעס מיט די באָבעס אַהיים! איך האָב ליב צו שפּילן זיך מיט אַ סך זיידעס און באָבעס.

זאָגט צו אים דער טאַטע:

— דאָ איז די היים. דאָ שפּילן מיר זיך אַלע.

און די אַלע וועלטן, מיט מענטשן, מיט טומל, מיט גרויסער ווייטקייט, איז טאַקע געוואָרן שלום'ען אַזוי נאָענט און אַזוי אייגן, אַז ער האָט זיך באַלד אויסגעמישט אין טומל, און שוין געמיינט אויף יעדן איינעם, אַז ער איז זיין טאַטע און זיין זיידע. ער דאַרף שוין מער ניט דעם טאַטן און די מאַמען, און האָט שוין דאָ אַלץ.

און אַלע רופן אים:

— שלום! שלום!

און ער ענטפערט שוין אַלעמען, און איז אומעטום, און שוין באַקאַנט מיט אַלעמען.

האָט ער אַ זופּ געטאָן אַ כוס וויין, האָט ער געפילט, אַז ער שלינגט איין אַלע וועלטן. זעט ער ערשט נעבן אים אליהו הנביא טרינקט זיין כוס, און לאַכט צו אים:

— נו, שלום, וואָס זאָגסטו איצט?

— אליהו הנביא, איך האָב שוין אַלץ איינגעשלונגען. דאַכט זיך, אַז דעם לויתן האָב איך שוין אויך איינגעשלונגען!

— נאָך ניט, שלום!

פאַרזיכערט אים אליהו הנביא.

ה

דערנאָך זיינען זיך די אַלע מענטשן צעגאַנגען אין אַלע זייטן, ווי אַ שטיל, ווייך, זומער-ווינטל. און עס האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן אַ זיסע רואיקייט אומעטום. מיט אַ פרייש גרין גראָז, וואָס איז געווען

אי קיל, אי ווארעם. און אַ גרויסער ווײַנגאָרטן, מיט אַלערליי בלומען, און רויזן, און פֿייגעלאך פֿון אַלע סאָרטן. און שלום האָט גאָר פֿאַרגעסן, וואָס פֿריער איז געווען. ווייל אַלץ איז געבליבן און אויסגעקומען ווי אַוועק אין אַ לאַנגער ווייטער צייט צוריק. אַזוי זאָגט שלום:

— לאָמיר זיך אַוועקזעצן אויף דעם גראָז, זיידע־לע, ווייל דער גאָרטן ציט מיך צו רו. און די פֿייגל מיט זייער געזאַנג לאָזן מיך אויך ניט שטיין.

זאָגט אליהו הנביא:

— מיר וועלן זיך זעצן, און צורופֿן אַ פֿויגל, און פֿרעגן אים, וואָס דו ווילסט. ווייל די אַלע פֿייגל און חיות, וואָס דו זעסט דאָ, קענען טאַקע ריידן מיט דיר, ווי מענטשן. אָט איז אַ פּאַווע. רוף איר צו.

זיי זעצן זיך אויפֿן גראָז, און שלום רופֿט:



— פּאַווע! פּאַווע!

גייט צו די פּאַווע, זעצט זיך אַוועק מיט זיי, און זאָגט:

— שלום, דו דאַרפֿסט מיך ניט רופֿן פּאַווע, דו

קענסט מיך רופן בײַ מײַן נאָמען. איך הײס חוה. אָבער אַזוי װי יענע װײַסע טויב נעבן קאַרשנבוים רופט זיך אויך חוה, װעסטו מיך רופן פּאַװע חוה, און איר, טויבע חוה. יע?

— יע! —

זאָגט שלום, און רוקט זיך צו נענטער, און נעמט אָן די גאָלדענע פעדער װאָס שטעקט אין פּאַװע־חוה׳ס קאָפּ. און פרעגט:

— און װי אַזוי רופט זיך דײַן מאַמע, פּאַװע חוה?

פּאַװע חוה טוט שטיפעריש אַ דרײ מיט איר גאָלדיק פעדער קעפּעלע, גרוים װי אַ ניסעלע, און ענטפערט:

— איך האָב ניט קײן מאַמע, איך בין אַלײן אַ מאַמע! איך בין די מאַמע פון אַלע פּאַװעס פון אַלע זיבן ים׳ען. און אַזוי איז יענע טויב, — טויבע חוה, אויך די מאַמע פון אַלע טויבן. דערפאַר טאַקע רופט מען אונדז דאָך חוה. װײסט ניט, אָדם און חוה? פרײט זיך שלום:

— אָ, יע! אַזוי גאַר, ביסטו דאָס די חוה פון די פּאַװעס! און דאָ זײַנען דאָ אַלע חוה׳ס פון דער גאַנצער װעלט!

פּאַװע חוה טוט אים אַ שלאָג איבער אויף זײַן מויל מיט אַ פּיסל, אין מיטן רײדן, און זאָגט:

— װען דו קומסט פריער, צו װעטשערע, װאָלסטו געזען דאָ בײַ מײַן טיש אַלע פּאַװעס. זײ זײַנען זיך אַקאָרשט צעגאַנגען.

דערמאָנט זיך ערשט שלום זײַן טאַטן, מיט אַלע

וועלטן מענטשן, וואָס ער האָט פריער געזען, און ער וואונדערט זיך:

— אַזוי! קומען זיי אַלע נאַכט?

פאַרטראַכט ער זיך שטיל. און פּאַווע חוה דער־ציילט ווייטער:

— זיי קומען. און אַלע קומען! אַלע נאַכט קומען זיך אַלע וועלטן צוזאַמען. טאַטעס מיט מאַמעס צו־זאַמען. שטערן מיט הימלען צוזאַמען. און אַלע לבנות. און אַלע זונען. און אַלע וועלדער. און אַלע ים'ען —

און שלום האָט זיך דערווייל פאַרטראַכט, אַז איצט איז שוין מסתמא שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען זיך שוין צעגאַנגען אין זייערע בעטן שלאָפן. זעט ער טאַקע, ווי אליהו הנביא נעבן אים רייבט זיך אויס זיינע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפן ביז איצט. און ער הערט אליהו הנביא'ס אַ גענעץ, מיט זיין פאַרשלאָפן קול, וואָס זאָגט:

— אַ, שלום, מיין קינד! איך האָב זיך געמוזט צושפּאַרן אַ ביסעלע, און חלום'ען, אַז איך בין אויפן גאַס. ווייל מען האָט מיך דאָרט געדאַרפט האָבן אויף אַ ווייַלע, צו העלפן אַ אידן. און איצט בין איך ווידער מיט דיר.

נעמט אַרויס אליהו הנביא זיין שטעקעלע, און ווייזט אויף אַ באַרג אונטערן גאָרטן, וואָס שפּאַלט זיך, און פון דאָרט רייסן זיך פּאַסן שטראַלן מיט ליכטיק טאָג.

— דו זעסט דאָרט, שלום, ווי עס שפּאַלט זיך שוין אויף טאָג? איצט וועלן מיר לאָזן פּאַווע־חוה

מיט טויבע־חוה גיין נעמען זייער וואָגנע אין די אַלע זיבן ימ׳ען, און מיר וועלן צוגיין זען, ווי דער טאָג פאַלט אַרוים אין ליכט, איבער יענע פעלדער, אונטער דעם באַרג.

ו

זיינען זיי געגאַנגען. און דער גאָרטן מיט אַלע פייגל, אוןביימער, און בלומען, האָבן זיך אַוועקגע־קייקלט אונטער זייערע פיס, און אַרויפגעוויקלט זיך ערגעץ אין אַ קנויל אַריין אונטער דער ערד. און שלום האָט טאַקע געוואָלט א קוק טאָן אונטער זיך, צו זען, ווי אַלץ קייקלט זיך אַזוי גיך, וואָרים דער גאָרטן איז דאָך געווען אַזוי גרוים. אָבער אליהו הנביא נעמט אַרוים זיין שטעקעלע, און ווייזט אַרויף צו, אויפן שפיץ פון גרויסן, און הויכן באַרג:

— זעסט, אין דעם באַרג שלאָפן אַלע טעג. יענע וואָס זיינען שוין אַוועק, זיינען פון אויבן, און יעדער טאָג וואָס קומט און לייגט זיך אויפן אַנדערן מאַכט אַזוי גרעסער און גרעסער דעם באַרג. און יענע וואָס דאַרפן קומען היינט און מאָרגן און שפּעטער, זיינען אונטן. דו זעסט, ווי דער נייער טאָג ציט זיך פון אונטן ביז אויבן איבערן באַרג? אַזוי וואַקסט ער דאָס אוים אַזוי גרוים אויף גיך, און קומט אַרויף צום נעכטיקן טאָג, און יענער זאָגט אים שוין וואו מען דאַרף גיין. איצט ציט ער זיך אַוועק פון אויבן איבער אַלע וועגן, פון אַלע גאָר די וועלטן!

וואונדערט זיך שלום:

— אָ־וואָ! אַלע מיינע טעג זיינען דאָך דאָ נעבן

מיר. און אַט הער איך דאָך, ווי זיי ריידן! אַז דו ווילסט זיין אַ גוטער, זיידעלע, וועסטו מיך צופירן, איך זאָל הערן, וואָס זיי ריידן.

אליהו הנביא לייגט אַריין זיין שטעקל, וואָס איז שוין איצט אַ שטריקל, אין קעשענע, און לאַכט:

— אליהו הנביא איז שטענדיק אַ גוטער. געוויס וועל איך דיך צופירן, וואס דען, איך וועל דיך ניט צופירן?

אַזוי זיינען זיי טאַקע צוגעגאַנגען צום באַרג, וואָס האָט געשניטן מיט זיין שטראַליקער ליכטיקייט. און עס האָט אויסגעזען ווי ער שטייט אין מיטן א ים. ווייל די שטראַלן זיינען געפאַלן ווי פליסיקע וואַלן. און די שטראַלן האָבן זיך נאָך געריסן אַזוי טיף, אַז שלום האָט טאַקע געקענט זען, ווי זיי וואָרצלען זיך אַוועק ווייט אויפן פעלד אַרויף, און פון זיי וואַקסן עס טאַקע אַרויס די זאַנגען פון פעלד. און אַזוי ווי אין באַרג האָבן די טעג גערעדט איינער מיטן צווייטן, אַזוי האָבן אויך די שטראַלנוואָרצלען גערעדט, און אַזוי האָט יעדע זאַנג אין פעלד גערעדט.

אליהו הנביא האָט אַרויסגענומען זיין שטריקעלע, וואָס איז שוין געוואָרן אַ שטעקעלע, און אַ מאַך געטאָן אין דער הויך, האָט ערשט שלום געקענט זען און הערן אַלצדינג!

זאָגט איין זאַנג צו אַ וואָרצל פון אַ שטראַל, וואָס ציט זיך, און יאָגט זיך ווייטער:

— וואָס ציסטו, ליבער וואָרצל, און וואָס יאָגסטו

אזוי? קום אריין אין מיין גרענעץ א ווייל, ווּעסטו מיר העלפן בינדן אַ גאַרב פון מיינע זאַנגען.

ציט אויס שטראַלוואָרצל זיינע צוויי הענט אין געבעט, און ענטפערט אין איילעניש:

— איך קען ניט, גוטער זאַנג. ווייל איך לויף אָנזאָגן דער גאַנצער פאַמיליע, וואָס איז פאַרשפּרייט אויף אַלע פיר עקן פון פיר גרויסע וועלטן, אַז אונדזער איגנגסטער ברודער — שלום — איז געקומען!

לויפט ער אוועק. און נאָך אַ שטראַל ציט זיין וואָרצל, און רייסט זיך גיך אין דער ווייט אַוועק. שלאָגט ער זיך אָן אין אַ ניי, קליין וואָרצעלע, וואָס בייסט ערשט ציינדעלאַך. לאַכט ער הויך, און לויפט:

— אַ, אַ נייער שלום׳על! איך האָב קיין צייט ניט, ברודערקע, ניט איצט. שפּעטער ווּעסטו מיך אָניאָגן, וועלן מיר ביידע לויפן צוזאַמען.

האָט זיך טאַקע שלום געפילט זייער גוט, הערנדיג אַלע מאָל זיין נאָמען, און אַלע ווייסן שוין ווער ער איז, און אַז ער איז דאָ. און שלום פילט עפּעס אונטער זיינע פיס, ווי אימעצער גראַבלט דאָרט. ער הערט זיך גוט צו, הערט ער טאַקע פון אונטער זיין פוס אַ וואָרצל שטימע:

— שלום! שלום! דו שטייסט אויף מיין קאָפּ שוין אַזוי לאַנג, און צוליב דיר קען איך ניט וואַקסן אין צייט. גיי ווייטער, און לאָז א צווייטן אויך קומען אויף דיינע וועגן!

זאָגט צו אים אליהו הנביא:

— דו האָסט זיך פאַרקוקט צופיל, מיין קליינער שלום. און דאָ איז שוין טאָג אויסגעשפּרייט אונטער

און איבער דיר, און דו שטערסט אימעצען. קום, וועלן מיר צוריקגיין אין די צוועלף טויערן. דערווייל וועל איך דיר דארפן פארמאכן דיינע אויערן, פאר־שליסן דיינע אויגן, און מאכן הארט דיין הארץ, דו זאלסט ניט זען נאכאמאל, און הערן נאכאמאל, און פילן נאכאמאל, דאס וואס דו דארפסט ניט, מער ווי איין מאל.

האט דאס געדויערט א מאך מיט אליהו הנביא׳ס שטעקעלע, וואס האט א פאך געטאן נעבן זיינע אויגן. און אלץ מיט אנאנדער האט זיך געטאן א וויקל צוריק ווי א ווינטמיל שוועבנדיק אין ווינט. און א צווייטע שטימע האט ער געהערט, וואס איז אים געווען בא־קאנט פון א לאנגער צייט, אבער ער קען גראד ניט גע־דענקען, ווער דאס זאל זיין, ווייל זיין קאפ איז פאר־טויבט פון א שווער קלאפן, און ער קען זיך צו קיין איין גאנצן געדאנק ניט צוקלייבן. הערט ער זיך גוט איין:

— שלום, דו ווייסט? עס איז שוין גאנץ ווייט אין ליכטיקן טאג אריין!

טוט ער א שמייכל:

דאס ווייסט ער. ער ווייסט! און דאס איז טאקע זיין טאטע! און זיין הויז! א, ווי עס דרייט זיך ווי א מילכל אזוי פיל זאכן איבער זיין קאפ! ער וועט אראפ פון בעט, זיך ארומוואשן מיט פרישער, קאלטער וואסער, און ארויסגיין צום קילן פרישן ים, וואס ליגט אנטקעגן זיין פענצטער.

און באלד וועט ארוים א ווארעמע זון. —

סוף.

די מעשה פון אַלטן אייביק־זומער

1

האָ־יו־הו! — רופט זומער פון באַרג אַרונטער.
קלייבט ער אויף די מענטשן פון שטאָט און טאָל.
וויקלען זיי זיך פריילאַך אַלע מונטער,
פאַנגט ער אָן די מעשות פון גאָר אַלטן אַמאָל:

2

אַמאָל, אַמאָל, שוין לאַנג איז דאָס געווען.
האָבן לאָס און שעפּס, קי און ציגן־בעק,
געהויערט דאָ אין אייביק גרינעם פליין,
און קיינמאָל ניט פון דאָרט געוואָלט אַוועק.

3

איז דאָס געווען אַ טומל און אַ פריילאַך!
און ציגן־מילך, געפלאָסן אין אַ קוואַל!
ביז געקומען איז אַ מענטש אַ מלך,
און אין האָרן אין זיין חיל האָט געיאָגט אַ שאַל.

4

אַ שרעק ס'אָראַ שאַל דאָס איז געפאַלן!
אויף רינדער טויטע זאָל דער האָרן גיין! —
ווייל פון דעמאָלט האָט דער גאַנצער פריידנשאַלן
געמוזט אויף ווינטער ווייט געפאַנגען גיין.

5

נאָר ווען זומער פאַלט, דעמאָלט געשווינדער
נעמט פאַלן אין וואַסערוועג אַ פרייד: —
העי — יו — הו! רינדער אַלע מענטשנקינדער. —
וויקלט זיך אַרום מיין נייעם גרינעם קלייד!

6

העי — אַ — הו! וואו אַלע רינדער!
יענע האָרדעס אין די פעלן אַלערליי,
מיט די קעפּ באַצירטע הערנער קינדער,
אין ווילד געפילדער, ווען שרעקן זיי?

7

קו אין טאָל דאָרט, מיט דיין יונגן פרישן אייטער.
וואו רופסטו אין ווייט נאָך דיין ערשטן קאַלב?
אויך ער, אויך אַלע, נענטער און ווייטער,
אַלע, אַלע קומען דאָך מיטן ערשטן שוואַלב!

8

האַי—יאָ—הו! טראָגט פון באַרג צו פלאַנץ און שטיין,
יאָגט מיט ווינט און וועג און וואַסער-שטראָמען!
זאָגט זיי אַלע, זומער טראָגט זיך, קומט צוגיין,
קיינער זאָל ניט פעלן, ניט פאַרזאָמען!

די גאָלדענע פיש

אין מיינע ימ׳ען די פישער־יונגען
מיט די ווייסע זיידענע נעצן
מאַכן שפּאַס און שפּיל און כאַפּן
גלאַנץ־פיש מיט שופּן פון גאָלד.

טאַנצן זיך, גלאַנצן זיך פיש אין דער נעץ,
און וואַרפן־צו שפּאַסיק אַ שופּ:

— נאַ דיר מיין גלאַנץ און מיין רייכקייט,
פישער־גענזעל, לאָז מיך צוריק
צו מיין נאַס און וואַסערדיק לאַנד!

— אָ, ניין! אָ, ניין! מיין פישל פון גאָלד,
ניט אַזוי וועל איך דיך באַפרייען!
דו ביסט מיין גאַסט, פישל־גענזעל,
געטאַנצט האָסטו שיין, געגלאַנצט נאָך שענער,
איצט עס מיט מיר קאַרטאָפליעס פון טאָפּ,
איצט מוזן מיר עסן צוזאַמען!

אין מיינע ים'ען די פישער־גענזעלן,
זיי מאַכן די נעצן פון וויכסטן פון זייד.

ווייל גאָלדפיש ווילן שפּילן זיך ווייך,
ווילן טאַנצן זיך, גלאַנצן זיך, שפּאַסן זיך
און מעשׂות דערציילן,
און קיין זאַך, קיין זאַך זאָל ניט פעלן.

ליד פון שוסטער אינגל.

שיך אַ שיכל גיך. קלאַפּ אַ שיכל.
מאַמע באַקט היינט ברויט.
האַקט יאָסל האָלץ. זים איז אַ קיכל.
היציק איז פייער רויט.

טאַטע זאָגט, פריש ברויט איז בעסער ווי קיכל.
גיך קלאַפּ טאַטע אין שיך.
און הייסער פאַר פייער, אַזוי שטייט אין ביכל,
איז ליבשאַפט פון מאַמע פון קיך.

גיכער. לעכער לעכלט. גיך ווערן שיך.
באַלד ווערט היים אַ פייער.
מאַמע פלאַקערט שוין ווארעם. באַקט אין קיך.
ער קומט. אַ ברויט, אַ נייער!

הערט אַ מעשה.

הערט אוים אַ מעשה:
אַ ציגעלע אַ ווייסע
איז אַריין אין גרינעם וואַלד פאַרנאַכט.
זי איז אַרוים רויט.
צעבלוטיקט ביז טויט.
ווייל זי איז שטענדיק געווען פאַרטראַכט.

אַ טאַנץ

אידעלאַך, ברידערלאַך, בערעלאַך, יאָסעלאַך!
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!
געלאָפן, געלאָפן אין וואַלד אַ בער.
געלאָפן אַהין און געלאָפן אַהער. —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

בער וואָס ווילסטו? בער וויל עסן. —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!
פאָרט אויף די וועגן אַ פויער און פאָרט.
בערעלע לויפט. קומט אויך אָן דאָרט. —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

אַז פויער האָט געזען בער אויפן וואָגן —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!
— בער, איך פאָר אַ היים צו מיין מאַמען.
— בער, לאָמיר פאָרןביידע צוזאַמען. —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

פערדל דערשראָקן נעמט טראָגן דעם וואָגן. —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

פליען זיי אַלע פייל אויסן בויגן.
וואָס זעען זיי אַלע איצט פאַר די אויגן? —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

אָט איז דער דאָרף, און אָט איז די מאַמע. —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!
עסן זיי אַלע, פויער און פערד,
און מאַמע מיט בער, אין גאַס זאַלבעפערט, —
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

אידעלאך, ברידערלאך, בערעלאך, יאַסעלאך!
טאַנצן מיר אַלע אין ראָד!

משה בלאָז

האָזן אויף די גראָזן.
אָקסן אויפֿן פעלד.
משה וויל זיך בלאָזן,
זיין אַ גאַנצער העלד.
הוריי! הוריי!

פייער אויפֿן הימל,
וואַסער אויפֿן טייך.

משה רײַסט אַ בלימל
שטעקט אין לאַץ דאָס גלײַך.
הוררײַ!   הוררײַ!

גלעט ער בלעטער װײַסע.
גלעט ער בלעטער רויט.
אַ סוף די גאַנצע מעשה —
בלימל איז שוין טויט!
הוררײַ!   הוררײַ!

קאַשע מיט מילך

1

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען פון גאַס,
איז קליין קעצל אין קיך מיר אנטקעגן געלאָפן.
— היינט קאָכט די מאַמע קאַשע מיט מילך!
— קאַשע מיט מילך?
יע. אַט אזוי.
מיר האָבן ביידע געטראָפן!

2

די שווארץ-ווייסע קאַשע-פלעקן, ווען זיי וואַשן זיך
ווייס,
אין אַ ווייס-שיסל אין מילך פאַרלאָפן.
מיר ביידע, איך און קעצל, קומען זיי באַפאַלן.
מיר ווען זיי פאַנגן, דערנאָך גייען מיר שלאָפן.
— ווי אזוי?
— אַט, מיט די צינגער —
די שלינגער —
געטראָפן!

3

די ברוין קאַשעלע שווימט זיך ווי אַ זאַמדל.
און קלעפּט זיך צום וואַנט מיד פאַרשלאָפן.

אריין — גייט אריין — און שווימט שוין אריין.
אַט, אין מויל אריין, גלייך. געטראָפן.
איך מיט מיין קעצל, איידער מיר שלאָפן,
איז וואָס אַזוי גוט? —
— אַט, קאַשע מיט מילך!
— יע. טאַקע, אַזוי. געטראָפן!

אלף בית גימל

(אַ רעטעניש)

אידל איז געגאַנגען און געקוקט אויפן הימל.
אַלעף — בית — גימל —
זיינען געקומען דריי ברידער אַנטקעגן,
האָבן זיי געוואָלט אים עפּעס פרעגן.
דאַלעד — היי — וואָוו — זייען —

שטייען איצט אַלע ברידער דרייען.
חעס — טעס — יוד —
און אידל ווייסט ניט, און זינגט זיך זיין ליד.
כאַף — לאַמעד — מעם —

די ברידער, ווידער, רינגלען גיך אַ רינג
און טוען דעם אידל אַ נעם.
נון — סאַמעך — עיין —
אידל הערט אויף גלייך זיין זינג,
און ער נעמט שוין איצטער שרייען.
פּיי — צדיק — קוף —

— מיר זיינען ניט געקומען דיך נעמען געפאַנגען,
מיר ווילן נאָר עפּעס פרעגן.
מיר זעען פון דיינע פיינע געזאַנגען,
אַז דו ווייסט דאָ אַלע וועגן —
רייש — שין — תּאָף —

נו, זאָג אונדז אַ סוף, וואו איז אַ וועג,
וואָס פירט צו אַלע פאַרלאַנגען?
מיר ווילן דעם וועג וואָס ציט זיין ברעג,
וואו קיינער קען ניט דערלאַנגען.
ענטפער: אַ חלום.

מיין ברודער איציק

איציק שפּיציק הייסט מיין ברודער.
רייט ער אויף אַ פערדל.
האָט ער אַ קליין קעפּעלע.

— איציק שפּיציק, ווי הייסט דיין פערד?
— הייסן היים'ער מלך מצרים.
און דו ביסט קיסר פון ירושלים.
יאָג דיין פערדל,
טראָג דיין פערדל.
פלי אַוועק צום הויכן באַרג,
וואָס הייסט ירושלים.

— איציק שפּיציק, ווי הייסט דיין פאָלק?

איציק שפּיציק ווי אַ שמיציק.
האָט ער אַ קליין קעפּעלע.

— הייסן היים ער יהודה לייב
און האָט אַ סטאַדע ציגן.
האָט ער מילך פון זיינע ציגן
גאַנצע זעכציק קרוגן!

איציק שפּיציק, אַלע ציגן
זופּן אוים די זעכציק קרוגן.
וואָס זשע ווּעסטו קריגן?

איציק שפּיציק ווי אַ שמיציק.
האָט ער אַ קליין קעפּעלע.

— איציק שפּיציק. עס איז אַ ליגן.
אַלע קרוגן און די ציגן
און דער פאָלק יהודה לייב,
און דער בארג ירושלים,
און דיין פערד מלך מצרים,
קאָן דאָך גאָרניט יאָגן,
קאָן דאָך גאָרניט טראָגן!

טעלערל פון הימל

פערזאָנען:

אינגל אין ברילן (קאָן שפּעטער זיין דער גזלן).
דאַמע אין ברילן.
קינדער (אינגלאך און מיידלאך).
אינגלאך־בעטלער.
מיידלאך־שטערן.
מיידלאך־ווינטן.
גזלן מיט אַ שווערד.

אינגל אין ברילן

(הענגט אַרויס צוויי לײַלאַכער וואָס שטעלן פאָר טאָג און נאַכט. איין לײַלאך צו מזרח זייט, אָדער רעכטס, ווײַזט די זון אין מיטן אַ ווײַס־ליכטיקן הימל. צווייטער לײַלאך צו מערב זייט, אָדער לינקס, ווײַזט די לבנה און שטערן. ווענדט זיך צום פּובליק):

קינדער,
זאָל אייך ניט זיין קיין ווינדער,
וואָס איך שטיי צווישן טאָג און נאַכט.
(ווײַזט: רעכטס—טאָג; לינקס —— נאַכט).
איך האָב אייך אַ דראַמע געבראַכט.
(פאַרשווינדט הינטער די לײַלאַכער. פון דאָרטן הערן זיך שטימען פון קינדער אין געטומל).

קינדער
(אפריער אין טומל, דערנאָך הערט מען אַ וואָרט).
— מיר ווילן אָבער שפּילן!
— מיר ווילן זיך אָבער שפּילן!
אינגל אין ברילן
(זיין שטימע)
וואָס שלאָגט איר זיך,
וואָס יאָגט איר זיך,
און מאַכט איר אַ גוואַלד!
חברה ווילן,
און זיי שפּילן,
דראַמע דאָ אין וואַלד!
באַלד וועט איר אַלע שפּילן, און זיך שפּילן!
אינגלאַך און מיידלאַך
(אין כאָר)
דאָס ווילן מיר!
קומט אַרויס!
אינגל אין ברילן
(שטימע ענטפערט אין טאָן):
איצט שפּילן מיר
די דראַמע אויס!
(שטיל אַ ווײַלע. פון צווישן די פאָרהאַנגען קומט אַרויס —)
דאַמע אין ברילן
(קלאַפּט מיט אַ שטיין אויף אַ ברעטל וואָס זי טראָגט אין האַנט):
סטוק! סטוק!
אינגל אין ברילן
(פון יענער זייט):
ווער איז דאָס?

ד אַ מ ע א י ן ב ר י ל ן:

דאָס איז די דאַמע.

א י נ ג ל

(זיין שטימע):

וואָסער דאַמע?

ד אַ מ ע א י ן ב ר י ל ן:

די דאַמע פון דער דראַמע!

א י נ ג ל

(שטימע אין פרייד):

אָ, די דאַמע פון דער דראַמע! אריין! קומט אריין!

(פאָרהאַנג וויקלט זיך אויף. מ׳זעט אַ קלאַס-חדר. אינגלאך און מיידלאך צעלויפן זיך. אינגלאך זעצן זיך רעכטס, אַנדערע שטייען. אַלע קוקן צו דער דאַמע. זי שטעלט זיך אַוועק ווי אַ לערער, ביי דעם טיש. קוקט שטרענג אויף די קינדער. נעמט אַ ביכל, ווישט אויס די ברילן, קוקט אַריין אין ביכל און זאָגט אַרויס):

ד אַ מ ע:

דאָס איז די דראַמע.

ק י נ ד ע ר

(ניט צופרידן):

דאָס איז די דראַמע?!

(קוקן איר נאָך אין מיסטרוי).

ד אַ מ ע

(לייענט אַרויס):

קומען ווינטן, שנעלער, גיך,
פון אַ טאָג צו נאַכט.
יעדער ווינטל ברענגט מיט זיך
יעדן אינגל אַ בערדל געמאַכט.

ו ו י נ ט ן - מ י י ד ל אַ ך

(אין ווייסן, מיט פּאַפּירענע פליגל, יאָגן זיך גיך אָן פון רעכטס,

קלאַפּנדיק מיט די פליגל, אַנמאַכנדיק ווינט. יעדע מיידל קלעפּט גיך אָן, פון לעצטן ביזן ערשטן, יעדן איינגל אַ פּאַפּירעלע אויף זיין מאָרדע, וואָס דאַרף פאָרשטעלן אַ באָרד).

מיידלאַך

(לינקס, פּראָטעסטירן):

מיר ווילן זיך שפּילן! — מיר ווילן אָבער שפּילן! — מיר ווילן ניט קיין פערדעלאַך! — מיר ווילן בעסער שווערדעלאַך! מיר ווילן זיך שפּילן אין אינגלאַך און מיידלאַך!

ווינטן-מיידלאַך

(פאַרשווינדן נאָך זייער ארבעט צוריק אַרויס, פּאָכנדיק מיט זייערע פליגל).

דאַמע

(קומט זיי נאָך. ווען די לעצטע ווינט-מיידל פאַרשווינדט, לייענט זי ווייטער אַרויס):

איצטער זאָלן די מיידלאַך ווערן —

(גיט אַ מאַך מיטן האַנט באַפעלעריש):

שטערן!

ווינטן-מיידלאַך

(אין זייערע הענט פּאַפּירענע שטערן-היטעלאַך, לויפן גיך אָן, טוען אָן אַלע מיידלאַך-קעפּלאַך מיט שטערן און פאַרשווינדן).

אינגלאַך

(מיט די בערדלאַך):

מיר ווילן ניט קיין שטערן! —
מיר ווילן בעסער שפּילן אין בערן!

(טאַנצן אונטער און זינגען):

שטערן, שטערן,
וואָס וועט ווערן,
ווען די בערן
עסן שטערן!

דאַמע

(וואָרט אָפּ ווען די קינדער זעצן זיך צוריק, און לייענט ווייטער אַרויס):

די קינדער מיט די בערד,
בלאָנדזשען מיט טאָרבעס אין וואַלד!
אַלטע בעטלער, שוואַרץ ווי ערד.
באַגעגנט זיי אַ גזלן מיט אַ שווערד.
שרייען זיי אַלע — געוואַלד!

(פאָרהאַנגען לאָזן זיך אַרונטער. סצענע בייט זיך. מוזיק שפּילט עפּעס דערווייל. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען וואַלד, פּרימיטיוו־קינדיש אָנגעוואָרפן, אַ סך בוימער פּאַפּירענע. לבנה מיט שטערן איבער זיי).

אינגלאַך

(מיט די בערד זײַנען איצט שוין בעטלער. טראָגן אויף די פּלייצעס טאָרבעס אויף שטעקלאַך, בויגן זיך אַלע ווײַלע אַ ביסל איין, צו מאַכן זיך ווי אַלטיטשקע. פון צווישן די בוימער עפנט זיך אַ טירעלע, און פון דאָרט גיט אַ שפּרונג אַרויס —)

גזלן

(מיט אַ שווערד. שלעפּט עס אַרויס פון שייד מיט אַ קנאַק. קינדער דערשרעקן זיך, לאָזן אַראָפּ די טאָרבעס און שרייען אויס) —

אינגלאַך־בעטלער

(אַלע אין איין קול) —
געוואַאַלד!

גזלן

(פאָכעט מיט זיין שווערד און זינגט):

בעטלער, בעטלער פון די וועגן!
מיט די בעטלער זעק!
גייט פון דאַנען ניט אוועק,
איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

כעטלער

(איין קול):

פרעגן?

גזלן:

יאַ, פרעגן.

בעטלער

(איין קול):

אַזוי! פרעגן!
נו, פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!

גזלן

(פּאַכעט דעם שווערד):

אַזוי ווי איך זע דאָ נאָך אייערע בערד,
אַז איר זייט קלוג ווי די וועלט!
דערפאַר האָט איך מיין שאַרפער שווערד
געפּאַנגען, דעם וועג פאַרשטעלט!!
איך וויל — איך וויל — איך וויל — וויפיל —
וויפיל זייט איר דאָ?

(שטיל, אָבער אַז אַלע זאָלן הערן, ציילט ער זיי):

— — פערצן — זעכצן — וואויל ווי די וועלט!
קלוגע אידן, אַזעלכע, ווי מיר געפעלט!
איר וועט טויגן צום שפּיל!

בעטלער

(צופרידן. זוכן אין די קעשענעס. אייבער צום צווייטן):

ער געפעלט מיר, דער גזלן, אַז ווערט ער פאַרברענט!
מ'דאַרף אים געבן לאַפּקע אין די הענט.
אַ צווייער, אַ צענער, זעט אוים זיין אַ פרייער,
אַז ברענען זאָל ער מיר אין ליכטיקן פייער!

(שטעקן אים די הענט, עפּעס געבן).

גזלן

(פּאָכעט מיט זיין שווערד און ענטפערט אין צאָרן):

איז מיין נאָמען ניט יונה, איר ווילדע באַרבאַרן,
צי איר קאָנט מיך קויפן מיט אייער געלט!
די בערד זיינען קלוג, אָבער איר זענט דאָך נאַרן!
ניט פאַר דעם האָב איך אייך דעם וועג פאַרשטעלט!

(ווייזט צו דער לבנה).

דאָס טעלערל פון הימל, דאָס איז מיין באַגער!
נאָר איך קאָן זיך קיין עצה ניט געבן.

(ווייזט צו די שטערן).

די שטערן, זיי זיינען דער גרויער שטער.
זיי שיסן מיין אויג, וואו עס גיט זיך אַ קער,
לאָזן מיין לעבן ניט לעבן!

בעטלער

(אויפן אויער איינער דעם צווייטן, אָבער מען הערט יעדן וואָרט):

זעט אוים אַ חושים, איך וואָלט שווערן,
אַ נאַר, נאָך גרעסער פון הערש בערן!

(העכער, צום גזלן).

אָבער ווי קאָנען בעטלער מיט זעקלאַך און שטעקלאַך
פאַנגען די שטערן און פאַקן זיי אין פעקלאַך?

גזלן

(פּאָכט מיטן שווערד):

איר זייט דאָך קלוג פון רייזן אויף דער וועלט,
און אַפילו בערד טראָגט איר אויך!
נו, גענוג! איצט גיי איך אין מיין געצעלט.
איר טוט ווי איר ווערט באַפעלט!
אַ זאַק אַ שטערן זאָל פאַנגען פון דער הויך,

אַ זאַק אַ שטערן — אַזש גיין זאָל אַ רויך!

(אַפּ אין זיין געצעלט).

בעטלער

(טאַנצן און זינגען אים נאָך):

גזלן, גזלן אין געצעלט!

מיר טוען, מיר טוען, וואָס דיר נאָר געפעלט!

(פאַרהאַנגען לאָזן זיך אַרונטער).

דאַמע

(קומט אַרויס מיטן ביכל אין האַנט, און זי לייענט אַרויס):

איצט וועלן די מיידלאַך־שטערן,

פון זיך לאָזן הערן!

(פאַרשווינדט).

(פון הינטער פאַרהאַנג הערט זיך אַ „קו־קו! — קו־קו!" וואָס הערט ניט אויף. גלייך הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. פון צווישן די בוימער קוקן אַריין —)

מיידלאַך־שטערן

(אַלע אין איין קול).

קו־קו! קו־קו! קו־קו!

בעטלער

(באַמערקן גאָרניט. שטייען פאַרריסן די קעפּ און קוקן אַרויף צו די שטערן, וואָס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. מען זעט נאָר די גרויסע לבנה).

אַ רענדל אַ שטערן! ס'טי געזען אַזוינס?

כאָטש אַוועקשטעלן זיך טאַנצן אַנטקעגן דער לבנה!

מיידלאַך־שטערן:

קו־קו! קו־קו! קו־קו!

בעטלער

(ווי פריער)

לאָמיר דערווײלע אַ ביסעלע צוטאַנצן!

(שפּרינגען אַנטקעגן דער לבנה, באַגריסנדיק איינער דעם צווייטן):

שלום עליכם! — עליכם שלום! שלום עליכם! — עליכם שלום! שלום עליכם — — — —

שטערן

(ווי פריער):

קו-קו! קו-קו! קו-קו!

(מאַכן דאָרט אַ באַוועגונג אונטער די ביימער וואו זיי נעמען זיך ביי די הענט צו אַ טאַנץ. זיי צעזינגען זיך אין אַ טענצל. שטעקן אַלע ווײַלע אַריין די שטערן-קעפּלאַך צווישן די ביימער, ווייזנדיק שפּאַסיק שפּיצן-צינגלאַך):

אינגעלאַך —

צינגעלאַך —

רינגעלאַך —

טענץ.

מיידעלאַך —

רעדעלאַך —

קליידעלאַך —

קרענץ!

אינגעלאַך —

צינגעלאַך — — — —

בעטלער

(קעפּ פּאַרריסן, הערן זיך שטיל צו. נאָך אַ ווײַלע שטילקייט):

— משה! הערסט?

— יאָ, און דו, הערסט?

— הער. און דו, הערסט?

— וואָס קען דאָס זיין?

— אַזוי ווי שטערן זינגען.

— שטערן-געזאַנג!

שטערן

(ווי פריער):

קו-קו! קו-קו! קו-קו!

בעטלער

(באַמערקן זיי):

אָט זיינען דאָך די שטערן!

(ענטפערן צוריק):

קו-קו! קו-קו! ליבע שטערן, טייערע, איר לאָזט זיך אפשר כאַפּן?

שטערן

(שטעקן אַרויס צינגלאַך, וואויל):

נאָך וואָס פאַר אַ כאַפּן!

בעטלער:

דאַרף מען טאַקע געבן אַ קישקעלע!

(גענענען און צעקושען זיך הויך, פאַסמאַקעוועו זיך):

אָי, וואויל!

שטערן

(אין טאָן):

אָי, גוט! אָי, טייער!

בעטלער

(ווישן אָפּ די ליפּן):

און איצט צו די זעקלאַך, חברה!

(נעמען מיט די שטעקלאַך די זעקלאַך שפּאַסיק אויף די שפּיצן, און מאַרשירן אין אַ גלייכע שורה, איינציקווייז צו).

שטערן

(ווי פריער. שטעקנדיק אַלע ווײַלע קעפּלאַך און צינגלאַך):

קו־קו! קו־קו! — — —

בעטלער

(צומאַרשנדיק):

וואָס קו־קו! וועלכער קו־קו? אַריין־אַריין! ניטאָ קיין צייט! אין זאַק אַריין!

(עפענען זעק. אַ זאַק יעדן שטערן).

שטערן

(שפּאַסיק):

קו־קו! קו־קו! — — —

(פאַרהאַנג פאַלט צו. פון אונטן הערט זיך דער „קו־קו” שטו־לער און שטילער).

דאַמע

(קומט אַרויס און לייענט פון אַ ביכל):

ווינטן פון נאַכט,
וויקלען זיך אַרום.

זיי שיסן אוים,
און צעבלאָזן אַ שלאַכט!

(פאַרשווינדט. אונטער די פאַרהאַנגען בלאָזן ווינטן מיט אַ געפייף. דער פריערדיקער קו-קו הערט זיך אין ווינט, גע-מישט מיט בעטלערס אויסרופן: — די זעקלאַך! די שטעקלאַך! גיכער! — פאַרהאַנג הויבט זיך אויף).

ווינטן-מיידלאַך

(פאַטשן מיט זייערע פליגל די ביימער און פייפן ווי ווינטן).

שטערן

(פון די מיידלאַך-קעפּלאַך פליען מיט אַ געקוויטש אין די זעק אַריין. די מיידלאַך קוויטשען און האַלטן זיך ביי די קעפּ).

בעטלער

(כאַפּן אַריין די שטערן אין די זעק, שטעקן אַריין גיך די שטעקנס, בויגן איין די פּלייצעס און אַקסל זיי אַוועקצוטראָגן).

ווינטן-מיידלאַך

(נעמען זיך פלוצים צו די בעטלער, קלאַפּן איבער זיי מיט די פליגל, און מיט זייער ווינט-פייפעריי, כאַפּן אַרונטער די בערד-לאַך פון די מאַרדעס, און לאָזן זיך אַוועק לויפן).

בעטלער

(לאָזן האַק און פּאַק, און לויפן זיי כאַך אין טומל און ווינט-געפייף, טאַנצן אונטער, און פאַרשווינדן אַזוי אונטער די ביימער, פון וואַנען מ'זעט זיי אַביסל, זינגענדיק און צו-טאַנצנדיק):

אָן די בערדלאַך ווילן מיר —
מער ניט בעטלען ברעקלאַך!
איצטער נעמען שפּילן מיר —
אָן די זעקלאַך-שטעקלאַך!
אַ שטערן אין מיין זעקל דאָרט,
און מיידל גיך צו אינגל,

בינדן זיך אין פעקלאַך דאַ,
טאַנצן אין אַ רינגל!

(פאַר דער צייט שפּרינגען אַרום די מיידלאַך פון די זעק און לויפן נאָך די אינגלאַך. הינטער די ביימער שליסן זיי זיך אָן, מיידל צו אינגל, אין פּאָרלאַך. אַזוי קומען זיי אַרום אין אַ ריי פון צוויי־צוויי. מאַכן אַ ראָד און טאַנצן, פאַר־ענדיקנדיק דעם פריערדיקן געזאַנג):

אַלע:

גזלן! גזלן! אַלע שטערן פון פּאַפּיר,
זיינען שוין צעריסן!
איצטער לויפן מיר פון דיר,
פּאָר מיט פּאָר, ניט צוויי, ניט פיר!
אויף דיין שטעכן און דיין שיסן —
פייפן מיר!

(פייפן אויס מיטן מויל. ווינטן־מיידלאַך הינטער די קוליסן פייפן מיט).

גזלן

(קומט אַרויס פון זיין געצעלט ראַשיק, אין צאָרן. מיט זיין שווערד וואַרפט ער אַרום און צעשמייסט און צערייסט אַלע שטערן פון די זעק, וואַרפט אָן אין הויפן אַלע זעק מיט די שטערן. אונטער די ביימער ווערט דער טאַנצן און זינגען שטי־לער, אָבער ניט אינגאַנצן שטיל. גזלן שטעלט זיך אַוועק מיט אָנגעבלאָזענעם שטאָלץ אויף די זעק און שטערן, און רופט פּאַטעטיש אויס):

פּאַפּיר־שטערן! פּאַפּיר־שטערן!
ווי איך האָב געציטערט פאַר אייך!
ווער קאָן איצטער מיר שטערן,
דאָס טעלערל פון הימל — און גלייך!

(פּאָכעט מיט זיין שווערד צו דער לבנה, וואָס ווערט, איצט ליכ־טיקער, ווי מען וואָלט דאָרט אָנגעצונדן ליכט הינטער איר.

פאַכענדיק קומט ער אַזוי אַריין אַהינטער די בוימער, באַלד באַווייזט ער זיך, אָפּריער דורכשניידנדיק מיט זיין שווערד די לבנה, דערנאָך אַריינשטעקנדיק דאָרט זיין קאָפּ נאָכן שווערד אין זיין האַנט, לאַכנדיק, זיגעריש, אויפן קול):

כאַ-כאַ-כאַ!
אלף-בית-גימל!
כאַ-כאַ-כאַ!
טעלערל פון הימל!
כאַ-כאַ-כאַ!
כאַ-כאַ-כאַ!
איצט קאָן איך נעמען אַ דרימל.

(ס'ווערט פינצטער. קינדער-כאָר און טענץ פאַרשווינדט הינ-טער די קוליסן, שטיל און שטילער).

פאָרהאַנג.



דער טערק פון ירושלים

די שפיל ווערט געוויזן צווישן בערג אין אַ
גרינעם טאָל. די פערדלאַך און די ציג קאָנען
זיין שטעקנס, צוגעפאַרבט מיט ענלאַכן אויסזען.

(אַ טערק מיט אַ רויטער היטל ביי די טויערן פון ירושלים, בלאָזט מיט אַ שופר. עפנט זיך דער טויער. פון ווייטן קומט אַ רייטער).

ט ע ר ק:

אָפן אין טויער רייטער רייט!
זאָג פון וואַנען, פון וועלכע לייט?

ר י י ט ע ר:

אונדזערע לייט,
ווילד פאַרשייט,
זיינען באַקאַנט,
פון לאַנד צו לאַנד.
מיר זיינען —
אינדיאַנער לייט!

ט ע ר ק:

טויער איז אָפן פאַר אַלע פריי.

ר י י ט ע ר:

אויף וועמען וואַרט איר דען?

טערק:

מיר וואַרטן אויף די אידן לייט,

נאָר מיר האָבן צייט.

(שרייט אַריין אין טויער):

אינדיאַנער לייט,
קומען אָן פון ווייט!

ריי טער

(רייט אַריין. גלייך באַווייזט זיך פון ווייט אַ מחנה אינ־דיאַנער, וואָס קומט אָן מיט פרייליכע טענץ און געזאַנג).

אינדיאַנער

(זינגען און טאַנצן. מוזיק באַגלייט):
אינדיאַנער מיט קרוינען פון פעדערן,
זיי האָבן זיך גענומען פעדערן!
הו־קאַ — הו־קו!
קו־קו־הו!
גיכער, גיכער!
ווי אַ וויכער!
הויבט זיך!
קלויבט זיך!
גיך צום טאַנץ!
יאַ־הו! —
יאַ־הו! —
אַ טראַג —
אין טאָג —
אין ליכט —
אין גלאַנץ!
טאַנצט אַריין —
פיסלאַך פיין —
אין ירו־
שלים אַריין!
(טאַנצן אַזוי אַריין אין טויער. טויער מאַכט זיך צו. אַ ווײַ־לע שטיל).

טערק

(בלאָזט ווייטער. ס'עפנט זיך דער טויער. פון ווייטן קומט א רייטער):

אָפּן אין טויער רייטער רייט!
זאָג פון וואַנען, פון וועלכע לייט?

רייטער:

אונדזערע לויטן,
פון צרות און נויטן,
אַלע וויסן זייער לאַנד.
די דייטשן.
מיט די לאַנגע בייטשן.
פון דאָס גראָסע דויטשן-לאַנד!

טערק:

טויער איז אָפּן פאַר אַלע פריי.

רייטער:

אויף וועמען וואַרט איר דען?

טערק:

מיר וואַרטן אויף די אידן-לייט.
נאָר מיר האָבן צייט.
(שרייט אַריין אין טויער).
דויטשן-לייט.
קומען אָן פון ווייט!

רייטער

(רייט אַריין. גלייך באַווייזט זיך פון ווייטן אַ מחנה דייטשן, מיט לאַנגע בייטשן, וואָס קומט מיט פריילאַכע טענץ און געזאַנג. מוזיק באַגלייט).

דייטשן:

היי, דייטשן מיט די בלאָנדע קעפּלאַך!

גיכער, שפּילעט אָפּ די קנעפּלאַך!
וויסן זיי!
וואַרפט אַרונטער די קורצע רעקלאַך!
אין קראַנץ!
אַריין צום טאַנץ!
מיידלאַך, אינגלאַך —
שאַרפט די צינגלאַך —

וויסן זיי!
שטייט נישט ווי די בעקלאַך!
אַריין, אַריין!
פריילאַך — פיין —
אין ירו־

שלים אַריין!

(טאַנצן אַזוי אַריין אין טויער. טויער מאַכט זיך צו. שטיל
אַ ווײַלע).

טערק

(בלאָזט ווײַטער. עפנט זיך נאָכאַמאָל דער טויער. פון ווײַטן
קומט אַ רײַטער):

אָפן אין טויער רײַטער רײַט!
זאָג פון וואַנען, פון וועלכע לײַט?

רײַטער:

פון די רויטע ריסן,
באַדאַרפט איר אַלע וויסן,
אַלע ווייסן ריסנלאַנד!
מיט די פוטערנע היטעלאַך,
אין שניי אויף שליטעלאַך,
קומען זיי פון ריסנלאַנד!

טערק:

טויער איז אָפן פאַר אַלע פרײַ.

רײַטער:

אויף וועמען וואַרט איר דען?

טערק:

מיר וואַרטן אויף די אידן־לײַט.
נאָר מיר האָבן צײַט.
(שרײַט אַרײַן אין טויער):
ריסן־לײַט —
קומען אָן פון ווײַט!

רײַטער:

(רײַט אַרײַן. גלײַך באַווײַזט זיך פון ווײַט אַ מחנה רוסן.
מיט פוטערנע היטלאַך און פעלצן. שווער וואַרעם אָנגעטאָן.
מיט פרײלאַכע טענץ און געזאַנג. מוזיקע באַגלייט).

רוסן:

ריסעלאַך! ריסעלאַך!
הויבט זשע גיך די פיסעלאַך!
האַפּקע-היפּ!
מיטן פוס אַ טיפּ!
טופעט!
יופעט!
קלאַפּט אַריין!
טאַראַראַררראַסקאיאַ! —
אַראָפּ די שווערע היטלען שמייסט!
די שווערע רעק צער-רייסט! צער--רייסט!
לייכט אין געלעכטער,
טאַנצט זשע אַריין!
אין דער גאַרנישט שלעכטער
ירושלים אַריין! —
אַריין — אַריין! — אַריינסקאַיאַ!

(טאַנצן אַריין אַזוי אין טויער. טויער מאַכט זיך צו. אַ ווײַלע שטיל).

טערק

(בלאָזט ווייטער. עפנט זיך דער טויער. פון ווייט קומט אַ רייטער):

אָפּן אין טויער רייטער רייט.
זאָג פון וואַנען, פון וועלכע לייט?

רייטער:

אונדזערע יאַנקאַלאַך
פון דעם יענקי-לאַנד!
באַנאַנקאַלאַך
פון אונדזער וואַרים זאַנד,

האָבן זיי געבראַכט
צו אייך אַ פּראַכט!
לאָזט זיי אַריין,
כאַטש אויף איין נאַכט!
זיי האָבן אַזיינס
נאָך נישט געזען!
אַ שאָו אַזאַ שיינס
איז ביי זיי
נאָך נישט געווען!

טערק:
טויער איז אָפן פאַר אַלע פריי.

רייטער:
אויף וועמען וואַרט איר דען?

טערק:
מיר וואַרטן אויף די אידן-לייט.
נאָר מיר האָבן צייט!
(שרייט אַריין אין טויער):
יענקי-לייט קומען אָן פון ווייט!

רייטער
(רייט אַריין. גלייך באַוויזן זיך):

יענקי-לייט
(מיט באַנאַנעס און מיט דזשעז טענץ און געזאַנג. מוזיקע באַגלייט):
יא — קאָ — הו — לאַ!
הו — וואַ! הו — וואַ!
מיר זיינען שוין דאַ.
און קיין צייט נישטאַ.
בלויז אכט שעה!

מיר דאַרפֿן נאָך לויפֿן,
און סחורות קויפֿן.
ווייזט שוין די שאָ!
יא — קא — הו — לא!
יא — קא — הו!
לאָמיר שוין זען —
הו — איז הו!
טא — ראַ — באַם!
טאַנצט אַריין!
יא — קא — האם!
אָרדער! אין ליין!
אין דעם שיינעם ירו־
שלים אַריין!

(טאַנצן אַזוי אַריין אין טויער. טויער מאַכט זיך צו. שטיל אַ ווײַלע. טערק בלאָזט ווייטער. עפֿנט זיך נאָך אַמאָל דער טויער. אַ רייטער קומט צו).

טערק:

אָפֿן אין טויער רייטער רייט.
זאָג פֿון וואַנען, פֿון וועלכע לייט?

רייטער:

אי — טאַל — יאַן!
הייסט מיין מאַן.
ספּאַגעטי מיט קעז
און געזאַנגען.
ער וועט קיין בייז
נישט פֿאַרלאַנגען.
דאָרט קומט ער פֿון ווייט,
ער מיט זיינע לייט!

ט ע ר ק :

טויער איז אָפן פאַר אַלע פריי!

ר י י ט ע ר :

אויף וועמען וואַרט איר דען?

ט ע ר ק :

מיר וואַרטן אויף די אידן-לייט.
נאָר מיר האָבן צייט!
(שרייט אַריין אין טויער):
איטאַליענער-לייט!
קומען אָן פון ווייט!

ר י י ט ע ר

(רייט אַריין. גלייך באַווייזט זיך פון ווייטן אַ מחנה איטאַ-ליענער, מיט געזאַנג און טענץ, מוזיק).

א י ט אַ ל י ע נ ע ר :

מו — קאַ — רע — טי!
אָ, ספּאַ — גע — טי!
איך מאַך אַ וועטי!
אויף אַלץ קומט אַ צייט!
צייטי! — צייטי!
מיר מאַכן אַ בייט!
בייטי! — בייטי!
מיר קומען פון ווייט!
ווייטי! — ווייטי!
אַהער, קומט אַהער!
גיך ווי אַ בער!
טאַנצט אַ טאַנצי,
פיין — אַריין!
אין ירו-

שלים אַריין!

(טאַנצן אַזוי אַריין אין טויער. טויער מאַכט זיך צו. שטיל אַ ווײַלע. טערק בלאָזט ווײַטער. עפנט זיך נאָכאַמאָל דער טויער. פון ווײַטן קומט אַ רײַטער).

טערק:

אָפן אין טויער רײַטער רײַט.
זאָג פון וואַנען, פון וועלכע לײַט?

רײַטער:

די אידן-לײַט!
די פרידן-לײַט!
מיר קומען פון ווײַט.
צו פרידן!

טערק:

בין איך אויך צופרידן!
טויער איז אָפן, וואַרט אויף אײַך.
זאָלן שוין קומען די אידן!
נו קומען זיי, קומען זיי, גלײַך!

(שרײַט אַריין אין טויער):

די אידן-לײַט —
הוריי! און הוריי!
קומען פון ווײַט,
אָט קומען שוין זיי!

רײַטער

(רײַט אַריין. טערק בלאָזט דרײַ מאָל).

טערק:

תרועה!

(בלאָזט).

שברים!

(בלאָזט).

תרועה־תקיעה!

(בלאָזט).

(מוזיקע באַגלייט. מאַרש. פון ווייטן ווייזן זיך אידן מיט געזאַנג און טענץ. פאָרויס זיי רייט משיח אויף אַ ווייסער ציג. זינגט).

משיח:

לחיים! לחיים!
אָט זיינען מיר —
אין ירושלים!
לאָמיר זשע באַגריסן
אונדזערע ברידער!
לאָמיר אַלע שיסן,
און מאַכן אַ גערידער!

(רייט אַריין אין טויער מיט גרויס פּאַראַד און געטומל. געזאַנג. טענץ. שיסעריי).

אידן

(שיסן מיט פּיולנבויגן־ביקסלאַך, טערקן קומען אַרויס און אנטפּערן. כאַפּן זיך דערנאָך קושן. פריילאַך, באַגלייט מיט אַ טענצל).

טערקן:

יצחק־ברידער!

אידן:

ישמאל — הער נאָר לידער!

(זינגען):

מיר אידן, מיר זיינען צופרידן!
מיר זיינען געזוען שוין א וועלט!
גענוג שוין געקאָכט און געזידן,
אין פרעמדן, אין וויטן געצעלט!
וואָס טויגן זיי דאָרט, די גליקן,

זיך דריקן און שטיקן,
אין רייכקייט, מיט אַ סך געלט.
בעסער דער טערק,
מיט די פייערווערק,
אויף די ליכטיקע בערג
אַרום שטילן געצעלט!
לחיים! לחיים!
לאָמיר זשע אַלע טרינקען ווײַן!
און אין אונדזער ירושלים,
לאָמיר זשע טאַנצן אַלע אַרײַן!
אַרײַן — אַרײַן — אַרײַן!
אידעלאַך פײַן!
אין ירו-
שלים אַרײַן!
אין ירו-
שלים אַרײַן!

(לויפן אין טויער טאַנצנדיק. טערקן שיסן מיט די פײַלן צו זיי, און איינער שרײַט אויס).

טערק

(באַגלייט פון נאָך עטלאַכע):
אידל — דו אידל!
וואַרט נאָר אַ ווײַל,
הער אונדזער לידל,
און פלי ווי אַ פײַל.
אידל, דו אידל,
הער זיך נאָר אײַן
אַזאַ גוט לידל,
ווי אײַערס איז פײַן!

א י ד ן

(טאַנצן צוריק אַרוים):

גיכער, גיכער,

ווי אַ וויכער,

מיר האָבן שוין גאַנץ ווייניק צייט!

טערקן, איר טערקן,

איר דאַרפט עס באַמערקן.

מיר קאָנען ניט זיין קיין רואיקע לייט!

(ריידן גיך איינער צום צווייטן מיט געפילדער).

ט ע ר ק

(בלאָזט ווייטער):

תקועה!

א י ד ן

(צעשראָקן):

וואָס איז שוין ווידער?

ט ע ר ק

(שטעלט זיך הויך. מיט אַ באַקאַנטער מעלאָדיע):

שאַ! —

שטיל! —

מאַכט ניט קיין גערודער!

איצט

לאָזט ריידן

אייער טערקישן ברודער!

שאַ —

שטיל —

איר דאַרפט שוין מער ניט לויפן.

לאָזט איצט

טערקל

אַלץ קויפן און פאַרקויפן!

א י ד ן

(אומגעדולדיק. אין באַקאַנטער מעלאָדיע):

נו, זינגט שוין,
זינגט שוין,
זינגט!

ט ע ר ק ן

(זינגען אין אַ טאַנץ):

ברידערלאַך,
אידעלאַך,
לאָמיר אַלע פריילאַך זיין!
מיר וועלן האַנדלען,
מיר וועלן וואַנדלען,
און איר וועט מלך זיין! —

א י ד ן

(צופרידן, מיט די הענט):

לאָמיר אַלע צופּאַטשען די הענט!

(פּאַטשן צו).

אָפּגעמאַכט.
אָפּגעמאַכט.

(דונערן הערן זיך ווייט).

קראַכט! קראַכט!

(בליצן).

אַלע שונאים ווערן דאָרט פאַרברענט!

(אַלע טאַנצן אַריין אין טויער. דונערן שטאַרקער. טעניק־געזאַנג. מוזיק. טערק בלאָזט מיט אַלע כחות).

ס ו ף.

וואָס טוט מען מיט אַ פייגעלע?

(פאַרנאַכט. אין הויז נעמט ווערן טונקל. אַ טישל לעבן צוויי פענצטער אָנגעשטעלט מיט שפּילצייג, מעדיצינפלעשלאַך, גלעזלאַך, צוקערקעס. לעבן טישל ביי דער וואַנט אַ קראַנק־בעטל. אין בעטל זיצט שלמה, רעדט און שפּילט זיך מיט חיה און בערלען).

שלמה:

מאָרגן וועל איך שוין זיין געזונט. דער טאַטע איז אַוועק ברענגען דעם דאָקטער.

חיה

(ווייזט אָף די מעדיצינפלעשלאַך):

שוין אַלע מעדיצינען אויסגעטרונקען.

בערעלע:

זיין מאַמע איז געגאַנגען ברענגען נאָך מעדיצין.

שלמה:

טאַטע האָט געזאָגט, אַז מאָרגן וועל איך זיין גע־זונט, ווען ער די מעדיצין אַוועקגעבן דעם דאָקטער.

בערעלע:

און דער רבי זאָגט, אליהו הנביא קען קומען צו דיר, וועסטו גלייך געזונט...

(שטימע פון דרויסן: — חיה! — בערל! — קומט עסן!).

חיה:

די מאַמע רופט שוין!

(לויפט אַרויס. נאָך איר בערעלע).

שלמה

(בליבט אַליין. קוקט אין פענצטער. ציט אויס די האַנט און וויל בעמען אַ צוקערקע. פלוצים טוט אַ קלאַפּ אין פענצטער. שלמה דערשרעקט זיך. אַ שויב צעברעכט זיך און צעפאַלט אין שטיקלאַך. אין שויב באַווייזט זיך אַ קאָפּ פון אַ שייגעץ מיט פלאַקסענע האָר און אַ פּנים פול מיט שפּרינקלאַך).

שייגעץ:

שלמה.

שלמה:

איך בין שלמה. פון וואַנען קענסטו מיך?

שייגעץ:

ווייסטו ניט ווער איך בין? — און אַ פייגעלע ווילסטו?

שלמה:

אַ פייגעלע? וואו האָסטו אַ פייגעלע?

שייגעץ

(ווייזט אים אַ פייגעלע און קלעטערט אַריבער דורכן פענצטער אויפן טיש. עטלאָכע פלעשלאַך פאַלן אַרונטער, ווערן צעבראָכן. אין הויז ווערט פלוצים ליכטיק. דאָס ליכט שטראַלט אַרויס פון די צעבראָכענע פלעשלאַך, און באַשיינט דעם שייגעץ פאַר דער גאַנצער צייט).

שלמה

(ווערט פריילאַך):

אָ, איך וויים שוין! איצט וויים איך! אליהו הנביא! —

שייגעץ

(קלעטערט אַרונטער פון טיש מיטן פייגעלע אין האַנט. זעצט זיך לעבן שלמהן):

ווי דען? און אָט האָסטו אַ פייגעלע. האָסט שטענ-

דיק געוואָלט אַ פייגעלע, האָב איך דיר טאַקע גע-
בראַכט. נאַ.

(גיט אים. זיי שפילן זיך. גיבן דעם פייגעלע פיקן פון אַ
שעלכל און פאַרברענגען אַזוי אַ קליינע ווײַלע).

שלמה

(באַקוקט גוט אליהו הנביא, ווען יענער מאַכט זיך ניט באַ־מערקנדיק, שפּילנדיק זיך מיטן פייגעלע):

אָבער — ?

שייגעץ

(כאַפּט זיך אויף):

אָבער — וואָס? — קענסט פרעגן וואָס דו ווילסט. פאַר מיר דאַרפסטו ניט מורא האָבן.

שלמה

(פּלאָנטערט זיך):

איך ווייס. אָבער — איך ווייס? — אליהו הנביא, האָב איך שטענדיק געמיינט, איז אַן אַלטער איד, מיט אַ ווייסער באָרד.

שייגעץ:

געוויס. אָבער, איך האָב געדאַרפט כאַפּן פאַר דיר אַ פייגעלע, נאַרעלע, בין איך געוואָרן צוליב דעם אַ שייגעץ.

שלמה:

וועסטו מיר טאַקע אַוועקגעבן דאָס פייגעלע אויף אייביק?

שייגעץ:

אויף אייביק. — ווי דען? — אָבער, דו ווייסט, אַז אַ פייגעלע דאַרף עסן?

שלמה:

איך ווייס. עס קען עסן פון מיין טעלער, אַז עס וויל.

שייגעץ:

עס וויל. — געוויס וויל עס.

(גלעט פייגעלעס קעפּל מיט ליבשאַפט).

אַ גוטן פייגעלע, אַ וואוילס. גוטע אינגעלאך — גוטע פייגעלאך.

(צו שלמהן)

און אַ פייגעלע דאַרף טרינקען. ווייסטו?

שלמה:

איך ווייס. עס קען טרינקען פון מיין גלעזעלע, אַז עס וויל.

(גלעט פייגעלעס קעפּל).

שייגעץ:

געוויס וויל עס. ווי דען. איצטער, ווייסטו נאָך, אַז אַ פייגעלע דאַרף שלאָפן?

שלמה:

שלאָפן?

(פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע).

עס קען שלאָפן ביי מיר אין בעטעלע — אַז עס וויל. אַ?

שייגעץ

(שמייכלט):

עס וויל. — אָבער, אויב עס וועט בעסער וועלן אַרויספליען שלאָפן אויף אַ בוים, אויף די צווייגן אין אַ נעסט, וואָס וועסטו טאָן?

שלמה

(פאַרטראַכט)

וואָס?

שייגעץ:

קענסט אים נאָך אפשר אַריינזעצן אין אַ שטייגעלע?

שלמה

(קוקט מיט רחמנות צום פייגעלע):

אין אַ שטייגעלע? עס וועט וועלן?

ש י י ג ע ץ:

ניין. עס וועט ניט וועלן. עס וועט בעסער וועלן אין גאַס. אַלע גוטע פייגעלאַך ווילן זיין אין גאַס. זיי ווילן זיין פרייע.

ש ל מ ה

(אין פרייד):

ווייס איך שוין וואָס.

ש י י ג ע ץ

(פאַראינטערעסירט):

וואָס?

ש ל מ ה:

וועל איך עפענען דאָס פענצטער, און דאָס לאָזן גיין.

ש י י ג ע ץ:

גוט אַזוי. ביסטו טאַקע אַ גוט אינגעלע. וועל איך דיר געבן אַ קוש אין קעפּעלע, וועסטו גלייך ווערן געזונט.

(עס הערט זיך אַ פרויען שטימע פון גאַס, און נאָך איר אַ מאַנשטימע).

פ ר ו י ש ט י מ ע:

שלמה.

מ אַ נ ש ט י ם:

שלמה.

ש ל מ ה

(צום שייגעץ, אין פרייד):

טאַטע-מאַמע גייט!

(ענטפערט)

מאַמע! — טאַטע!

שייגעץ:

נו, דאַרף מען שוין איצט גיין.

(טוט אים אַ קוש אין קעפּל און פאַרשווינדט דורכן פענצטער מיט דעם זעלבן וועג, וואו ער איז אַריין. נאָך אים גייט אַוועק די ליכטיקייט, און עס ווערט צוריק נאַכטיקטונקל, און באַלד — נאַכט).

שלמה

(קוקט נאָך מיט וואונדער דעם שייגעץ און האַלט דאָס פייגעלע אין האַנט, פאַרלאָרן זיין צונג און אָפן זיין מויל).

טאַטע־מאַמע

(פאַלן געשווינט אַריין. טראָגן פעקלאַך. רופן):

שלמה, — שלמה, וואו ביסטו?

שלמה

(צעטומלט):

מאַמע. — טאַטע!

טאַטע־מאַמע

(אַביסל באַרואיקט, לייגן די פעקלאַך אויפן טיש):

וואָס איז דאָ געווען? — ווער איז דאָ געווען?

מאַמע

(צום טאַטן):

מאַך ליכטיק, וועט מען זען וואָס דאָס דאָ איז.

(צו שלמה׳ן)

ביסט גאָר געבליבן איינער אַליין?

(גיט אַ קוש שלמה׳ס קעפּל).

טאַטע

(מאַכט ליכטיק. אַלע קוקן זיך אַרום. טאַטע גייט צו צום פענצטער):

צעבראָכן אַ פענצטער. זעסטו, מלכה. איך האָב דיך געזאָגט: אַז ער האָט צעבראָכן אַ פענצטער!

מאמע:

ווער איז דאָ געווען, שלמה'לע? ווער האָט דאָס צע־בראָכן דאָס פענצטער?

(צום טאַטן)

דאָס קינד האָט עס אַליין צעבראָכן.

שלמה

(פּלאַצט אַרויס):

אָ, מאַמע. — טאַטע. — פריער, מיט איין מינוט פריער. — אליהו הנביא איז דאָך דאָ געווען! — ער האָט מיר געבראַכט אַ פייגעלע. ער איז אַריין דורכן פענצטער, מאַמע. — און גלייך איז געוואָרן אַזוי ליכטיק!

טאַטע

(אין וואונדער):

אליהו הנביא! אַ פייגעלע!?

(קוקט צום פענצטער. מאַמע און שלמה — נאָך).

שלמה

(ווייזט צום פענצטער):

און דאָרט איז ער טאַקע צוריק אַרויס. — און גלייך איז צוריק געוואָרן פינצטער, אַזוי ווי נאַכט.

(אַ ווײַלע פאַרטראַכט. צום טאַטן)

יע, ס'איז שוין נאַכט אויף דער גאס?

מאַמע:

יע, מיין קינד. עס איז שוין נאַכט אומעטום. מאָרגן וועסטו שוין זיין געזונט.

שלמה

(אין פרייד):

איך ווייס. אליהו הנביא האָט מיר געגעבן אַ קוש

אין קאָפּ. און מיר געגעבן דאָס פייגעלע. — ווייסט, מאַמע, דאָס פייגעלע —

(פייגעלע רייסט זיך אין מיטן אַרויס און פליט אַרויס דורכן פענצטער. עס טוט אַ בליץ און אויף אַ ווײַלע פאַלט אַ שטראַליק ליכט און פאַרשווינדט).

שלמה

(קוקט נאָך, פאַרטראַכט):

אַלע גוטע פייגעלאַך ווילן אויפן גאַס.

(צו דער מאַמע).

מאָרגן וועל איך אויך זיין אויפן גאַס.—יע, מאַמע?

מאַמע

(קושט אים):

יע, מיין טייער פייגעלע.

טאַטע

(גייט צו צום פענצטער. קוקט אַרויס).

(פאָרהאַנג)